אויף אַ פּורים־פייערונג פון דער פּועלי ציון זיינען מיט גרויס דערפאָלג אויפגעטרעטן לעאָן בלומענזאָן, סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד.

• • •

אויף דער פּורים־פייערונגן ביי די שבת־נאָכמיטאָג האָט יידל גאָלדבערג געליינט שלום עליכמען און דעם טונקלער — דער עולם האָט געהאַט גרויס הנאה.

• • •

אין לעצטן חודש, אין די יאָרצייטן פון די שרייבער ס. פאַלמע, י. ה. לעווי, בן־א סאָכאַטשעווסקי און קייט בראון, זיינען ביי די שבת־נאָכמיטאָגס געליינט געוואָרן פון די ווערק פון די נפטרים.

• • •

דער פּורים־טאַנץ ביי דער וויצא איז אַדורך זייער דערפאָלג רייך.

• • •

דער באַקאַנטער חזן אהרן העלפאַנט וועלכע איז געווען אויף אַ באַזוך אין ישראל האָט געדאַוונט אין דער תל־אביב גרויסער שול.

• • •

די פאָרשטעלונג אין גרענד־פּאַלעי לטובת די יידישע שטימע האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

• • •

דער טראַדיציאָנעלער פּורים־טאַנץ איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

---


## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן“

„ווייטשעפּל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-
„שיידעוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-
„ווידערוווקס“, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל 12/6
„טעאַטער־קאַראַוואַנען“, פון ש. י. האַרענדאָרף 15/6
„פּאַנאַבעט דער כעלעמער פּאָעט“, שמואל וואהייט 7/6
יובל־אַלמאַנאַך 15/-
גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל 15/-

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

„די אידישע שטימע“
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD. LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 5־6 (העפט 345־6) איין און צוואַנציקסטער יאָר מאַי־יוני 1960 לאָנדאָן



רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


זיין הסתלקות, (הייאָר שבועות 200'סטער יאָרצייט פון בעל שם) התגלות..... 1
דער בעל־שם־טוב (אַ ביאָגראַפישער עסיי) ..........הרב דר. צבי ראַבינאָוויטש 7
יום העצמאות (ליד).................. חיים וואַלדמאַן 17
מאַרק טווען אין פּאַריז (פעליעטאָן)..........טעאָדאָר הערצל 18
צום בוך „ווייטשעפּל“ (לידער און סאָנעטן).........א. נ. שטענצל 22
אויף חרובע וועגן (אַ קאַפּיטל פון ראָמאַן..........משה דאָמב 27
אויף דעם בית־עולם (פּאָעמאַ).........ה. פּאַצאַנאָווסקי 31
יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע (די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים) .......... י. ריכטיגער 32
דאָס הויז נאַראָדיצקי (אַ קאַפּיטל זכרונות)...........בר־כוכבא נאַראָד 39
צו די שלושים נאָך יעקב סערעס ע.ה. (נעקראָלאָג..........יהודה ביעטש 46
דער אַריער העלד .N.I (צייט־ליד)..........ש. 47
לאָ דאָן קולטור ידיעות
קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס .......... 48


## דריגענדיק און וויכטיק

מיר בעטן אונזערע פריינט און אַבאָנענטן אַריינצושיקן זייערע אָפּצאָל, וואָרים עס קומען די זומער־חדשים און דאָס אָנגיין מיטן אַרויסגעבן פונם זשורנאַל ווערט נאָך שווערער.

ד.ר.

## פרייז 2 שילינג


אַבאָנאָמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.*
129-131 *Caveli Sreet, London, E.1*

אונזערע פריינט **סעם לעוו און פרוי**, צו זייער **גאלדענע-חתונה**, ווינטשן מיר נאָך לאַנגע לאַנגע גוטע געזונטע יאָרן.

**אייזיק גאלדבערג און פרוי**

אונזער פריינט **סעם לעוו און פרוי**, צו זייער גאָלדענע־חתונה ווינטשן מיר נאָך אַ סך יאָרן פון געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטיקייט.

**פריינט פון יידישן לשון**

פריינט **נטע קויפמאַן** צום ווערן אַ בן־שבעים ווינטשן מיר אים און זיין פרוי **חנה** נאך א סך גוטע געזונטע יאָרן.

פריינט פון יידיש לשון

פרוי **מילי באריס** אויף איר באַזוך־נסיעה קיין ישראל ווינטשן מיר א סך פרייד.

**פריינט פון יידיש לשון**

איך ווינטש פריינדין, פרוי **מילי באריס**, אויף איר לוסט־רייזע קיין ישראל אַ סך גוטע איינדריקן.

**יהודה ביעטש**

* * *

(לעאָ קעניג'ן, צו זיין קומען אויף אַ באַזוך)

ווי אין שטעטל אין דער היים, פרייטיק אין דער פרי,
אויף פישמאַרק אַרויסגעקומען אַ פרומער ייד,
קומט ער שבת אַראָפּ צום ווייטשעפל יאַריד,
איינקויפן און טרונקן ביי לייאָנס אַ „קאַפּ־טי".

איבער אַ האַלבן יאָר־הונדערט ער וווינט שוין הי,
דעמלט ווייטשעפל, — אַ, דער גרויסער אונטערשיד! —
גאַנצע גאַס געווען איין צעזינגט עדלשטאַדט־ליד,
ער יונג, נאָך יינגער, עליה השלום, זי — —

און ווען דעמלט נישט אָנגעטראָפן ביי אַ טישל,
פון גרעסטן העכט, קאַרפּן־קאָפּ, ביזן קליינסטן פישל:
קאַפּיטאַנטשיק־קאַפּלאַן, פרומקין־ריווקין־זאַלקינד.

און איצט זיצט ער דאָ פונקט ווי עפּעס אַ שבת־גוי!
דערמאָנט זיך: פאַרקנייטשט בליקל ריווקינס — — זעט'ס גענוי;
שמייכלט ער נאָך צו זיך דאָ ביים טישל אַצינד.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־6 (העפט 345־6) איין און צוואַנציקסטער יאָר מאַי־יוני 1960 לאָנדאָן

## זיין הסתלקות

(הייאָר שבועות דער 200'סטער יאָרצייט פון בעל־שם־טוב)

שישים גבורים שטייען אַרום זיין בעט,
און יעדער איינער אַ געוואַלטיקער ריז;
דעם מלאך־המות וואָס טאַנצט צוקאָפּנס,
דער מינדסטער דאָ צעטרעט אים אונטער די פיס.

דער מעזריטשער רעכטס, דער באַרדיטשעווער לינקס,
יעדער פון זיי אַ מירמלשטיינערנער זייל!
מימינו מיכאל, משמאלו גבריאל,
ועל ראשו, כביכול, שכינת אל.

ער קוקט זיי אָן מיט זיין חסד־שמייכל,
זייערע הערצער הערן צו קלאַפּן אויף,
און דאָס געשעפּטשע פון זיינע ליפּן,
ווי גליאיק־הייסע קוילן זיי כאַפּן אויף:

„אין לעמבערג אויף שייטערס ברענען גמרות,
אין די קלויסטערס לערנט זוהר יעקב פראַנק,
אוי, ס'איז נישט דער הייליקער הויך וואָס דושעט,
אויך נישט, להבדיל, פון ווייררויך דער געשטאַנק —

„פלאַטערדיקע פייגל די אותיות פורחות,
זומער־פייגעלעך פון די שלענגלעך אין מיסט!
מאין באתה לאן אתה הולך?
ייד, ווען נישט גאָט אין דיר, דו אַליין וואָס ביזט —

„זייט דער אבר המדולדול אָפּגעשניטן,
שפיר איך רק די שווערט ווי זי גייט איבער מיר — — —
פנחס, דריי אויף דעם קראַן, גיס אויס דאָס וואַסער,
דו שטייסט דאָך, מסתם ווי תמיד, דאָרט ביים כיור".

די שטילקייט רייסט שאַרף איבער דער קאַריצער,
ער ברעכט אויס אין אַ יאָמערלעך געוויין,
נאָך אים, ווי אַ געוויסער וואָלט זיך צעפּלייצט,
בלויז דער מעזריטשער אַליין וואָס האַלט זיך איין:

„נישט אויף הר נבו, נישט אויף באַרג מוריה,
פון שטעטל מעזשעבעזש נעמט אים גאָט צו זיך;
אין ירושלים של מעלה אַז מ׳גייט,
גייט מען אַראָפּברענגען מלך המשיח״.

פונם שאַלאַש תהילימדיק, תפילהדיק,
שאַלט, הלולהדיק, דער אקדמות־געזאַנג:
ווי געטלעך, ווי גין־גאָלדן, דער גן־עדן,
אַהין פירט אַלעבן־לאַנג דעם צדיקס־גאַנג — —

קעפּ אויף קעפּ פאַר די טירן, אויף די פענסטער,
מיט קינד און קייט זיינען די ווענט באַקלעבט
געוויינען, געבעטן, פון טויזנט מיילער,
געשעפּטשע פון אויער צו אויער: „ער לעבט״ — —

און פון בעט הויבט זיך אויף געוואַלטיק אַ קאָפּ!
איז עס נישט די שכינה הקדושה אַליין?
דורך דער חבריא גייט אַ ציטער אַדורך,
כאיש אחד, האָרכנדיק, זיי בלייבן שטיין.

און נישט זיי הערן מער און נישט זיי זעען,
אין זיך זיי שפּירן אַ מין מתיקות, ס׳רעדט, ס׳רעדט;
אַ טאַטע זאָגט עפּעס אָן זיינע קינדערלעך,
די קעפּלעך זייערע בענטשנדיק ער גלעט:

„שטיל״, שמייכלט עס: „באַהאַלט אייערע טרערן,
איר וועט נאָך נויטיק האָבן אַ יעדן טראָפּ — —
און דו, בער מעזריטשער, וויסן זאָלסט וויסן
נישט אַזוי גרינג ברענגט מען משיחן אַראָפּ.

„תיקונים, שמות, השבעות — פּיין און ווייל!
און וואָס מיינט איר האָט געטון, שבתי צבי?
מ׳מוז טיף דערפילן דעם יסורים־עול מענטש,
נישט בלויז סגופים און כוונות־אר״י — —

„איר שטייט דאָך אַרום דאָ צו הערן דעם „קץ״,
נו, כ׳וועל אייך דעם זמן גאולה מגלה זיין:
באחרית הימים, ווען ווי משיחן,
איין מענטש דעם צווייטן־פריידיק אַקייגנגיין.

„און דו בער, הער, גאָטס שטאָט, ירושלים,
ווו מענטשלעך־ערלעך אַ פוס אוועקגעשטעלט!
מיט קליינסטן אות וואָס האָט קיום אַ ממש׳?
איין גוטער בליק אַ גן־עדן גאַנצע וועלט.



„חיגא וחינגא, בלויז איידער די סעודה,
שור־בר, לויתן, יין־המשומר־וויין,
וויפיל געשאָכטענע, טויט־פאַרמוטשעטע — — —
און ווען אַלע מענטשן וועלן גרעבער זיין — — —

„כ׳זע זיי אָנקומען די טעג פון די פחדים — —״
אַ שליוכץ האָט שאַרף איבערגעריסן די רייד,
און זיי, טויט־שטילע, האָבן זיך צוגעהערט,
ווי ער האָט זיך שווער צו דער וואַנט אויסגעדרייט.

שישים גבורים שטייען אַרום דעם בעט,
פאַרהאַלטן די שרעק ביז זון וועט אונטערגיין;
אין כיור — אין אַ פויק, באַמקעט דער קאַריצער,
און אַלע פאַלן טיף אין ניגון אַריין.

„משוך חסדך ליודך — —״ חלומט פאַרמוחט
אַ וואָלעכל — אין שקיעה־שעה וויינט אַ טייך;
„אל תבואני רגל גאוה״ — — כוואַליעט עס —
אַ ווידער־קול פאַרשוועבט־ווו ווייט אין דער הייך —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען זיי האָבן אים אַראָפּגעהויבן,
איז אויף זיין פּנים יענע שרעק נאָך געווען — — —
ס׳האָט ר׳ לוי יצחק אוועקגעחלשט,
שיער נישט געעקט זיך, ווען ער האָט זי דערזען.

## התגלות

נישט נאָר די מענטשלעכע משפּחה האָט זיך צעטיילט אין כל המינים פעלקער, נאָר אויך דאָס מענטשלעכע וואָרט אין געגנגעזעצטע טערמינען, און די פאַרשידענע באַגריפן מאַכן נישט אָן קיין קלענערע מהומה אויף דער צעטומלטע וועלט; און וואָס פּרעציזער ס׳ווערט אויסגעאַרבעטער, טיף אויסגעאיידלטער אַזאַ מין טערמין, מיט מער קראַפט אַלץ שטעלט ער זיך אַנטקייגן אַ צווייטן פון זיין אייגענעם שורש, פונקט ווי דער מענטש טוט עס — „ולאום מלאום יאמץ״! און וואָס איז דען די שרעק פון צעטיילונג פון אַטאָם?

פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט, עטיק און עסטעטיק, נגלה און נסתר! עס קומט אָבער אַמאָל אַ התגלות איבערן מין מענטש, ווען אַלע דערפילן זייער בריִדערלעכקייט: „זיינען מיר דען נישט אַלע פון איין מענטש באַשאַפן״? פונקט אַזוי געשעט עס מיטן וואָרט.

אָט דאָס איז דער מענטש! צעטיילט געוואָרן אין אַן אדם וחוה, אין קין והבל, אין יעקב און עשו; די מעשה־פון־יהודה־ותמר איז דער שפּראָץ פון דוד מלך ישראל חי וקים — די רעאַלע אייביקייט פון דער משיח־לעגענד!

און די פעלקער? בבל, סדום, מצרים — אַן תוהו ובוהו פון לענדער, אַן ארבוביה פון שבטים — און אין דעם „תולה ארץ על בלימה“ איז געקומען די התגלות פונם „אנוכי“־וואָרט.

דער עבד־נכנע, דער דערנידריקטער פון די דערנידריקטע, דער געפייניקטער פון אַלע געפייניקטע, דער גר אין פרעמדן לאַנד, דער שקלאַפן־בויער פון פתום ורעמסס, וואָס האָט זיינע אייגענע קינדער אויסגעבויט אין דיקע ווענט פאַר זיין אייגענער תפיסה; דער עבד לעבדים, דערפילנדיק די פרייהייט — די התגלות פונם אור־וואָרט וואָס באַפרייט! — האָט קשי־עורפדיק אויפגעבויט אַ פעסטע געביידע אין וועלכער די ציוויליזירטע מענטשהייט וואוינט שוין אין איר טויזנטער יאָר, און ביזן היינטיקן טאָג, און יעדער — לויט דער בהרחבהדיקער שטוב און ענגען קעמערל, וואָס ס׳איז אים צוגעפאַסט... וואָס זיינען דען אַלע אַלע אונזערע פירושים און פירושים אויף פירושים, בבלי און ירושלמי, ספר יצירה און זוהר, חקירה־און־מוסר־ספרים, ביז לעצטן הלכה־גאון און הגדה־דרשן — אויף אַן אות, אַ נקודה, אויף אַ תג, אַ ביישטידל־קריינדל, אָנגעהאָנגען אַ פליגל צו דער געביידע, צו פליען ביזן זיבטן הימל אַרויף.

און נישט קיין סך אַנדערש, מסתם, אויף זייער סכאָלאַסטישן אופן, להבדיל, איז דער נייער טעסטאַמענט און דער קאָראַן מיט זייערע „פאַטערס“ און „יינגע“ — צוגעבויטע מינאַרעטן־און גאָטיק־טורעמלעך.

אַזוי האָבן זיך געצויגן ליכטיקע דורות און פינסטערע עפּאָכעס! מיטן הומאַניזם האָבן זיך טערמינען גענומען אויסאַיידלען און באַגריפן זיך נאָך מער פאַרטיפן, אָבער אויך זיך שפּאַלטן און טיילן און זיך קרייצן אין כל־ערליי מינים. און מיטן אָנהויב פון די רעפאָרמאַציעס, ביים געבורט פון דער קריסטלעך־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, האָבן אויך די חכמי ספרד און אשכנז זיך ווידער גענומען אָרדנען מיטן בית יוסף און רמ״א, מיטן אר״י און מהר״ל.

מיט ברוך שפּינאָזאַ און שבתי צבי זיינען שוין די באַגריפן אַזוי טיף־אויסגעהוילט געווען, צעשפּאַלטן און געטיילט, אַז די עקזאַקטע פילאָסאָפיע און די קבלה־מעשית האָט שוין לגמרי כמעט נישט צו טון געהאַט מיט נגלה און נסתר — זיי זיינען ביידע שוין מער נישט געווען אונזער ספּעציפישער „הנסתרות לה׳ אלוקינו והנגלות לנו ולבנינו“.

אָבער אויך דער שאַרפער, קאָפּ־שווינדלדיקער פּילפּול, פון יענער עפּאָכע, און דער גיהנום־און גן־עדן־מוסר, פון יענע דורות זיינען אויך געוואָרן אַלץ ווייטער און ווייטער, כרחוק מזרח ממערב, פון עטיק און עסטעטיק. פון איין זייט האָט זשאָנגלירט דער תלמיד־חכם מיט זיין שאַרף־צעגלאַנצטן „חרב־פּפיות“, און פון דער צווייטער זייט האָט מען אַזוי געהאַלטן דאָס פאָלק אונטערטעניק אונטערן קנוט פון שרעק — מזרח־אייראָפּע איז בכלל דעמלט נאָך געשטאַנען גאַנץ אונטער יאָך פון פּאַנשטשיזנע.

און דאָ איז געשען דאָס גרויסע ווונדער, דאָס התגלות פונם חסידות! אין די בלוט־פאַרגליווערטע שליאַדעס, געבליבענע נאָך פון די שטיוואַלעס פון די היידאַמאַקעס פון די צייטן נאָך פון כמעלניצקען, האָט דער בעל־שם מיט זיינע



תלמידים, צוריק געפינען דעם וועג וואָס פירט צום האַרץ פון מענטש — צום טויער פון גאָט! שטייען געבליבן אינמיטן דער בהלה, אינמיטן פון דער יללה פון קולות, דערהערט דאָס האַמעטנע שווערע אור־וואָרט אַ באַפרייטס און דער לייזטס — דערהערט דעם קול המון כקול שדי״! מיט דעם פשטות און תמימות פון דעם באַפרייטן וואָרט האָט ער די אויסגעלערנטע קאָדעקס־באַגריפן דעם „לאַטיין“ פונם תלמיד חכם, צוריקגעפירט צו זיין שורש; זייער אַלט־קלוגן כיטרעדיקן שיחות־חולין צוריקפאַרוואָרצלט אין דער קרקע־בתולה פונם פאָלק — מיחד געווען אַלע צעטיילטע און צעבראָכענע יחידים מיטן אחד פון לייבהאַפטיקן, ממש מיט די הענט־אָנטאַפּנדיקן זאַפטיקן יידישן וואָרט.

אַז מ׳וויל קאָן מען זאָגן, אַז דער בעל־שם האָט גאָר נישט מחדש געווען, ער האָט נאָר „צוריקגעברענגט די קרוין אויף איר אָרט“. ער האָט אַלטע טויזנט יאָריקע יידישע באַגריפן אויסגעקלאַפּט פון זייער שטויב, אָפּגעשיילט פון זייער „קלפּית“, אַרויסגעיאָגט פרעמדע „דבוקים“ פון זיי — אַלט ווי די וועלט איז דער „לית אתר דפנוי מניה“! און דער „צדיק יסוד עולם“!! דאָס אייביקע איז מען נישט מחדש, מען ענטדעקט נאָר בלויז צוריק! דער בעל־שם האָט צעבראָכן די מחיצות און צוריק פאַראייניקט צו איין גרויסער אחדות.

מיטן כוח פונם יידישלעכן, וואָרט וואָס ער האָט עס שוין געפונען צוגעגרייט, מיטן פאַרטייטשטן פסוק חומש, מיטן משל פון אַ מגיד, מיטן בראשית פון יידישן פאָלקס־ליד האָט ער זיין עבודה אָנגעהויבן. און מיט זיין מאַגישע פּערזענלעכקייט, מיט זיינס אַ פאָלקס ווערטל, האָט ער צוריק לעבעדיק געמאַכט אַן אַלט־אָפּגעבליאַקעוועטן מאמר; מיט זיינס אַריינטייטשן אַן אות פון וואָרט אָפּגעשאָקלט דעם טפל פונם עיקר, דאָס עבודה־זרהדיקע וואָס האָט זיך געהאַט צוגעקלעבט — יאָ, צומאָל דעם אַבערגלויבן פאַרוואַנדלט אין גלויבן! מיט כוח פון פשטות, מיט פאָלקסטימלעכער חכמה פון אַ יידישלעך פאָלקלאָר, מיט אַ מענטשלעך־וואָרט עצה׳ט ער שוין גאָט אַליין, ווען די צרות ריידן פון אַ צעווייטאָגט האַרץ אַרויס.

ניין, דער בעל־שם האָט געדאַנקלעך אפשר גאָר נישט מחדש געווען, אָבער די כלים, די ווערטער אין וועלכע ער האָט די פסוקים, די ממרות אַריינגעלייגט זיינען געווען ניי־שעפערישע, דער „רצון יראיו יעשה ואת שועתם יושיעם“, „צדיק גוזר והקב״ה מקיים“ האָט זיך מיט אַזאַ האַמעטנע פשטותדיקייט אַרויסגעריסן פונם יידישלעכן האַרץ, מיט אַזאַ מאַמע־לשונדיקע גוטסקייט, אַז זיי האָבן נישט נאָר די הימלען געשפּאָלטן, נאָר שוין פאַרשטיינערטע הערצער.

יאָ, דער בעש״ט האָט גאָרנישט מחדש געווען — ער אַליין איז געווען אַ גרויסער חידוש! זיין נתגלה ווערן איז געווען אַן ענטפּלעקונג.

די מקובלים, מיט זייערע קבלה־מעשיות האָבן געשפּינט שוין זייערע ספירות, ווי עפּעס אַ מין נעץ — געמאָלן דעם שטן אויף דער וואַנט! — און דאָס פאָלק האָט געצאַפּלט אין זייערע געוועבן ווי אַן אויסגענאַגטע פליג.

ר׳ משה קורדובירוס פילאָסאָפישער קבלה־סיסטעם, ר׳ חיים וויטאַלס מיסטיש־דראַמאַטישער האַנדלונג־פּרינציפּ, איז געוואָרן אַ האַנדל פאַר וואַנדל־

דיקע מקובלים מיט קמיעות און קרייטעכצער.

מיט אַזאַ קאָסמישן זאָג און אינערלעך־אינדיווידועל דערפילטן: „אויף אַלץ וואָס דו קוקסט, זאָלסט דו קוקן, ווי דו וואָלסט געקוקט אויף גאָט“, ווערט אַ גאַנצע „וועלט־אַנשויאונג“, אַ לעבנס־קוק געענדערטס; אַלע שפּין־פּעדים צעריסן, אַלע מחיצות אַדורכגעבראָכן, צו זאָגן „מה נאה אילון זה“, ווערט אויס חטא, די גאַנצע נאַטור ווערט נאָנט און אייגן. דאָס פּנים פון יעדן מענטש איז א שפּיגל פון גאָט! יעדער מינדסטער בעל חי, יעדעס קלענסטע גרעזעלע אין אַ טייל פון גאָטס שיינקייט — עטיק און עסטעטיק ווערט צוריק פאַרזיווגט אין איין און זעלבן באַגריף, איין גוף און איין נשמה.

דעם בעל־שמ׳ס מיסטישע וועלט איז א יידישלעך־אומענדלער מעשה, לאַנג ווי דער גלות; מויל און אויערן אויפצעשטעלן, אז גאָט אליין, כביכול, הערט זיך איין: עס איז דאָ אַ רצון אינם קאָסמאָס, וואָס הערט זיך צו צום געשריי פונם מענטש; השגחה־פּרטית און בטחון זיינען זיך מיחד אין איין בעגריף. דער בעש״ט איז געווען אַ „מחדש בטיבו“ — מיט אַ גוטסקייט בטבע...

דער ייד ווערט באַפרייט פון זיין ענגען פאַרצוימטן בליק, אַלע גלות־גרענעצן ווערן איינגעריסן — אַלע ש״י־עולמות זיינען דער פאָן פאַרן גרויסן, אייביק־זיך־מאָלנדיקן נאַטור־קאָסמישן בילד.

דאָס יידישע שטעטל, טויזנט שטעטלעך, חרובע, צעבראָכענע, צוריק צונויפגעפאַרטע ווערן געסטן פון באַפליגלטע שעפערישקייט: דאָס חסידישע ליד, די רבישע מעשיות, דאָס פּאַטריאַכאַלישע געשטאַלט — איין גרויסע, קאָלירן־שפּילנדיקער, ריטמישער געזאַנג! און אזוי ביז פּרק, שאַגאַל און בלאָך.

אפילו דער סאָציאַל־ביבלישער באַגריף, וואָס האָט זיך גענומען שאַרף אָפּטיילן פונם עסטעטישן און עטישן, מיט אוטאָפּיעס און טעאָריעס ביז ער איז פאַרשטייפט געוואָרן אין אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט, אינם רעאַלן מאַרקסיזם. וועט ער אָבער בלייבן יידישלעך אויסגעטייטשט, נגלהדיק־נסתרדיק, אין אַ הלל־פּאָפּולערן פּסוק פון תהילים: „על תבטחו בנדיבים“, פאַרלאָז דיך נישט אויף די גבירים, „בבן אדם שאין לו“, פונם מענטש וואָס האָט גאָר נישט, „תשועה“, וועט קומען די הילף. יאָ, אפילו די שרעק פאַר דער צעטיילונג פון אַטאָם וועט דעמלט אויפהערן...

✶

און ווי אַלע גרויסע וויזיאָנערן, באַשאַפערס פון סיסטעמען און טעאָריעס, וואָס בלייבן ערלעך אין זייער שליחות ביזן יסוד פון זייער אינסטינקט, זיינען זיי גובר אפילו זייער איינגעבוירענע עניוות, האָט דער בעל־שם מיט רעכט געזאָגט צו זיינע תלמידים: משיח וועט דעמלט קומען, ווען אַלע מענטשן וועלן קענען מיין תורה — —

צוויי הונדערט יאָר נאָך זיין הסתלקות, און דער וועג פירט אומבאַדינגט אַהינצוצו, צו איין גרויסע פעראייניינהייטלעכקייט פון עטישע און עסטעטישע טערמינען, וואָס דאָס איז דער ערשטער און לעצטע טריט צו דער איינהייט פונם מין האנושי.



הרב ד״ר צבי ראבינאוויטש

## דער בעל שם טוב •

### דער גרינדער פון חסידות

אסך מער איז שוין געשריבן געווארן איבער ר׳ ישראל בעל שם־טוב (בעש״ט) ווי איבער וועלכע עס איז אנדערע פערזענלעכקייט פונם אכצנטן יארהונדערט. ס׳איז קוים צוויי הונדערט יאר זינט זיין פטירה און שוין געהערט ער, אזוי זעט עס אויס, צו די היסטארישע צייטן. פיל מער לעגענדעס האבן זיך געשפונען ארום ר׳ ישראל בעל שם־טוב ווי ארום משה רבנו דעם אבי־הנביאים. פאקט און פיקציע זענען אזוי פארוועבט, אז עס איז ממש שווער פאר ביאגראפן אפצושיידן איינס פונם אנדערן. דאך נישט געקוקט אויפן מאנגל אין אויטענטישע פרטים בנוגע זיינע עלטערן, זיין יוגנט און פאמיליען־לעבן, איז דער בעש״ט נישט קיין שאטן־פיגור. די פאנטאזיע האט אנגעפילט די בלויזן און אנגעקליידט אים מיט א פערזענלעכקייט וואס וועט לעבן אייביק אין הארץ פון זיין פאלק.

ר׳ ישראל איז געבוירן געווארן אין יאר 1700, אין אקופ, א קליין שטעטל אויף די גרענעצן פון וואלין און וואלאכיען און פאדאליען, וואס האט א צייט לאנג געהערט צו טערקיי. לויט דער טראדיציע האט זיין פאטער געזאלט האבן געלעבט אסך יארן אין געפאנגענשאפט, נאר אין משך פון דער צייט אפגעהיטן זיין אמונה, און די איידלקייט פון זיין כאראקטער איז געווען אזוי גרויס ווי זיין פרומקייט. אליעזרן, דעם הייליקן למדן, איז צוגעזאגט געווארן א זון, וועלכער זאל „דערלויכטן די אויגן פון כל־ישראל“.

אליעזר און זיין ווייב זענען געשטארבן בשעת זייער זון איז נאך געווען זער יונג. אבער פון זיי האט ער געירשנט זעלטענע מידות: חכמה, פרומקייט, מוט, אפטימיזם און א גרויסע ליבשאפט צו דער נאטור און דער מענטשהייט. „און עס איז געשען, נאכן טויט פון בעש״טס פאטער איז דאס יונגל אויפגעוואקסן און די יידן פון דער קהלה האבן לייטזעליק געהאנדלט מיט אים. אזוי האבן זיי אים אנגעגעבן צו א מלמד, ביי וועמען ער האט זער פלייסיק געלערנט מיט גרויס פעולה. זיין טבע פלעגט זיין צו לערנען אייניקע טעג און דערנאך צו אנטלויפן פון חדר. מען פלעגט אים דעמאלט מוזן זוכן, און מען פלעגט אים געפינען זיצן איינער אליין אין וואלד. עס איז זיי אויסגעקומען, אז דאס טוט ער אזוי, ווייל ער איז א יתום און האט נישט ווער עס זאל אכטונג געבן אויף אים. מען פלעגט אים צוריקברענגען צום מלמד אין שטעטל אריין. און דאס איז געשען אסך מאל, ער פלעגט אנטלויפן אין וואלד אריין, כדי דארטן צו זיין אליין ביז זיי האבן צום סוף פארלוירן זייער אינטערעס אין אים און אים מער נישט געגעבן קיין מלמד. און אזוי איז דאס יונגל אויפגעוואקסן אויף א מאדנעם אופן“.

מיט א גרויסער און וואקסנדיקער ליבשאפט האט ישראל ליב געהאט די נאטור און מענטשן. באזונדערס האט ער ליב געהאט קינדער און איז געווארן

• געהאַלטענע לעקציע ביים סעמינאַר פון פריינט פון יידיש לשון.

א בעלפער ביי א מלמד. קיין קאנטשיק, דאס טראדיציאנעלע כלי־זין פון א מלמד, האט ער קיינמאל נישט באנוצט. מיט זיין גוטסקייט פלעגט ער געווינען די הערצעלעך פון די קינדער. מען האט זיי מער נישט געדארפט שלעפן אין חדר אריין. יעדן טאג אין דער פרי פלעגן זיי גיין מיט געזאנג אונטער זיין פירערשאפט צום לערנען. איז עס דאך נישט קיין חידוש, ווען חסידים זאגן, אז דער דאזיקער טעגלעכער גאנג פון די קינדער מיט זייער זינגען האט געפונען לייטזעליקייט אין די אויגן פון הקדוש ברוך הוא ווי די שירים פון די לוויים אין בית־המקדש אין ירושלים.

כדי זיך צו פארדינען אויף חיונה, האט דער בעש״ט זיך פארנומען מיט שמשות, מלמדות, זיין א שוחט, קרעטשמער און אפילו בעל־עגלה פאר זיין שוואגער. אבער עס איז געווען מיט זיין מלומדות, אז ער האט געוואונען די הערצער פון מענטשן. מען האט אים ליב געהאט פאר זיין סבלנות און איידלקייט מיט די קינדער. און עס איז געווען בעת א דין־תורה ווען ער האט זיך באגעגנט מיט ר׳ אפרים פון קיטעוו, וואס איז געווען אזוי באאיינדרוקט פון בעש״טס פארשטענדעניש אין דיני־ממונות און זיין אומפארטייאישקייט, אז ער האט אים אנגעבאטן צו נעמען פאר אן איידעם.

ר׳ ישראל האט פארברענגט זיינע יארן אין התבודדות, לערנען און אין טראכטן. די אפענע שטחים לאנד פון די קארפאטן־בערג האבן אים אנגעפילט מיט א זין פון דעם כבוד פון גאט. הגם א מתבודד, איז ער אבער קיינמאל נישט געווען איינער אליין, ווארום ער איז תמיד געווען פאר גאט. חסידים דערציילן, אז זיין רבי איז געווען נישט קיין אנדערער ווי נאר דער נביא אחיה השילוני אליין — דער רבי פון אליהו הנביא. ער איז געווארן א גרויסער מומחה בנוגע קרייטעכצער צום היילן בשעת ער האט עוסק געווען אין דער תורה פון די גרויסע מקובלים: ר׳ שמעון בר יוחאי דער מיסטיקער, וואס מען נעמט אן ער האט פארפאסט דעם זוהר, דאס הייליקסטע קבלה־ספר, און ר׳ יצחק לוריא „דער ארי־הקדוש״, וואס איז דער פאטער פון דער קבלה־מעשית. די דאזיקע תורות האט ער מפרש געווען מיט גרויס פארשטענדעניש, און יעדעס ווארט האט געהאט אויף זיך דעם חותם פון זיין אייגענער פערזענלעכקייט.

צו זעקס און דרייסיק יאר, אין יאר 1736, איז ער שוין געווען באקאנט ביי זיך אין שטעטל אלס דער בעל שם־טוב (פארקירצט: בעש״ט). אין אנהויב האט ער נאכגעפאלגט דעם שטייגער פון די וואנדערנדיקע בעלי־נסים, וועלכע פלעגן שרייבן קמיעות, ארויסטרייבן דבוקים, געבן סגולות און היילן קראנקע. אבער ער האט נישט נאכגעמאכט זייערע הועיות. ער האט זיך נישט איינגעהילט אין סודות, כדי אנצוווארפן א פחד אויף ארימעלייט און שפלע מענטשן. ר׳ ישראל איז געווען דער גיטיקסטער און צוגענגלעכסטער צווישן לייטן. ער איז געווען א מענטש פון פאלק, געבוירן און דערצויגן צווישן זיי, און עס האט נישט געקאנט געבן קיין מחיצה צווישן אים און די מאסן. דאך האבן די עניני־דיומא קיינמאל נישט מטושטש געמאכט זיין חיזיון און צוועק. רפואות און נסים זענען כמעט געווען א נעבן־זאך.



נאך א קורצן אויפנטהאלט אין טלוסטע, האט ער זיך באזעצט אין מעזיבוזש, פאדאליען, ביי בראד. נישט פארשוועגדענדיק מער זיינע כחות אויף נסיעות, האט ער זיך געקענט אפגעבן מיט פארשפרייטן זיינע תורות און זיי איינפירן אין לעבן. די קבלה איז א צוויי־שארפיקע שווערד. אירע טעאריעס זענען פארפלאנטערט און ס׳איז שווער זיך צו דערגרונטעווען. תורות, וואס האבן צו טון מיט סודות השמים, קען מען אויך מיסברויכן אויף אונזער ערד, אזוי, אז זיי קענען ווערן סכנותדיק אין מויל פון שארלאטאנען און מענטשן מיט א שגעון פון גדלות. עס איז געווען דער צוועק פונם בעש״ט אזוי צו פארשפרייטן דאס דאזיקע וויסן צווישן פאלק, אז יעדער איינער זאל משיג זיין אט די אנטפלעקונג. האט דאך יעדער בן־ישראל א רעכט צו א חלק פונם וויסן פון סתרי־תורה! ער האט וואס א אמת זיך באנוצט מיט די טעכנישע באגריפן פון דער קבלה, אבער ווי אין יחזקאל הנביא׳ס חיזיון פון די עצמות היבשות האבן אדערן, פלייש און דער אטעם פון לעבן מחיה־מתים געווען אט די אבסטראקטע באגריפן ביז זיי האבן זיך אויפגעשטעלט און געווארן לעבעדיקע ווירקלעכקייטן.

אין א בריוו צו זיין שוואגער, ר׳ אברהם גרשון, מאכט דער בעש״ט א דערשטוינענדיקע דערקלערונג: „ראש־השנה — אין יאר 1747 — האב איך געהאט אן עלית נשמה און האב געפרעגט משיחן, מיין האר, ווען וועסטו דיך באוויזן אויף דער ערד? און דער ענטפער איז געווען: אט דאס וועט זיין א סימן פאר דיר, ווען דיין תורה וועט ווערן באקאנט... ווען אלע מענטשן וועלן האבן דעם כח אויפצוטון די זעלביקע מופתים ווי דו... דעמאלט וועט די צייט פון גרויסע חסדים און ישועות קומען. „ביי אן אנדער געלעגנהייט האט דער בעש״ט אזוי צוזאמענגעפאסט אין קורצן זיינע תורות, „איך בין אראפגעקומען אויף דער וועלט, כדי צו ווייזן מענטשן דעם אופן וויאזוי צו מאכן דריי כללים פארן הויפטציל אין לעבן — ליבשאפט צו הקדוש ברוך, ליבשאפט צום פאלק ישראל און ליבשאפט צו דער תורה״.

## ליבשאפט צו דער תורה

עס איז נישטא קיין מחיצות צווישן קודש און חול. א מענטשנס נשמה איז אן אפשפיגלונג פון די ספירות, און א מענטש מוז געפינען א וועג צו עבודת־הבורא אין אלע מעשים פון לעבן. ווען עמיצער באגערט עפעס א זאך, ווי געלט אדער כבוד, וואס בעצם זענען זיי צייטווייליק און פארגענגלעך, זאל ער האבן א ישוב־הדעת מיט זיך: אויב מיין חשק צו די דאזיקע זאכן איז אזוי גרויס, אויף וויפל גרעסער וואלט געדארפט זיין מיין חשק צו דינען דעם בורא עולם, דעם מקור פון אייביקע פארגעניגנס! „שותי ה׳ לנגדי תמיד״ (תהלים ט״ז ח׳) איז געווען דער פרינציפ פון זיין לעבן. גאט איז אומעטום. ער איז מיט דעם תלמיד־חכם אין בית־המדרש און מיטן פויער אויפן פעלד, ווארום עס איז נישטא קיין שום מחיצה צווישן מענטש און זיין באשעפער. „עס איז נישטא קיין ארט, וואו עס איז נישטא״. די שכינה דרינגט אריין אין אלע פיר: אין דומם, צומח, חי און מדבר. געפינט זיך אין אלע באשעפענישן פון דער וועלט,

סאַי אין די גוטע סאַי אין די שלעכטע. גאָט האָט זיך באַוויזן צו משה רבנו אינם סנה, כדי צו באַווייזן, אַז מען קען זעען זיין הערלעכקייט אומעטום. די וועלט איז בלויז אַ שפּיגל, אין וועלכן דער כבוד פון גאָט שפּיגלט זיך אָפּ. „קיין שום זאַך פאַלט נישט סתם אין אַ פּוסטקייט אַריין, נישט קיין וואָרט און נישט קיין קול, נאָר אַלע האָבן זיי זייער מקור און צוועק". די ליבשאַפט צו גאָט דאַרף זיין אינגאַנצן בכל לבבך, אָן הינטער־געדאַנקען. „אויב איך האָב ליב גאָט, צו וואָס דאַרף איך שכר אויף עולם־הבא!"

גאַנץ אָפט האָט מען דעם בעש"ט באַשריבן ווי אַ פּאַנטעאיסט. ער האָט אָבער געהאַט גאַנץ ווייניק געמיינזאַמעס מיט ברוך שפּינאָזאַ (1632—1677). שפּינאָזאַ האָט געגלויבט אין דער אידענטיפיצירונג פון גאָט מיט דער נאַטור, אַזוי, אַז עס איז מער נישט געבליבן קיין חילוק צווישן דער בריאה און דעם בורא. ער האָט בכלל געלייקנט אין דער מעגלעכקייט פון אַ טראַנסצענדענטאַלער גאָטהייט, פון אַ געטלאַכן פּלאַן און צוועק. שפּינאָזאַס טעאָריעס בנוגע נבואה, נסים און דעם געטלאַכן אורשפּרונג פון דער תורה האָבן אים געבראַנגט אַזעלכע „טיטלען" ווי אַטעאיסט, עטישער ניהיליסט, דיאַלעקטישער מאַטעריאַליסט. „שפּינאָזאַס וועלט איז אַ וועלט, וואָס עקזיסטירט אַפילו נאָכן לעבן פונם יחיד און נאָכן טויט, וואָס דער יחיד גייט שטאַרבן... בעת די חסידישע וועלט איז דער באַגריף פון אַ וועלט אַזוי ווי זי איז אין יעדן געגעבענעם מאָמענט פון איינעמס לעבן; עס איז אַ וועלט גרייט צו ווערן אַ דבר־שבקדושה, גרייט צו אַן אַקט פון גאולה".

דער בעש"ט איז נישט געווען קיין פילאָזאָף, זיך נישט אינטערעסירט מיט מאַטעריע, באַוועגונג, חלל, ענערגיע און ענלעכע זאַכן. ער האָט זיך אויך נישט אינטערעסירט מיט שפּעקולאַטיווער מעטאַפיזיק. האָט בכלל פיינט געהאַט אַבסטראַקטע געדאַנקען. ער האָט תמיד גערעדט צום עולם אויף אַ לשון, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען, לערנענדיק זיי פרומקייט מיט פּראַקטישע באַגריפן, נישט קיין פילאָזאָפיע. מערקווירדיקער ווי זיין תורה זענען געווען זיינע מעטאָדן. אַן אַנעקדאָט, אַ משל, אַ מליצה אַנשטאָט פּלפּול, און ער האָט געוואונען די הערצער פון זיינע צוהערער. זינט דער אַנטוויקלונג פון דער אגדה און די מדרשים איז דער מעשה נישט געשענקט געוואָרן אַזויפיל חשיבות. הייסט דאָך צו רעדן פון בעש"ט צו דערציילן אַ מעשה. הגם אַליין אַ קינד פון דער קבלה, האָט ער לחלוטין אָפּגעוואָרפן סגופים. זעלבסט דערנידעריקונג, עינויי־נפש, תעניתים זענען נישט געווען דער דרך צו דערגרייכן דעם באַגערטן צוועק. „די קדמונים, האָט ער דערקלערט, זענען געווען גאַנץ אַנדערע מענטשן, מיר אָבער וועלן נישט דערגרייכן קיין התדבקות מיט גאָט אויף דעם אופן. „ער האָט שאַרף מרעיש געווען אויף זיין תלמיד, ר' יעקב יוסף מפּולנאָי פאַר זיין התנהגות: „איך הער, האָט ער אים געזאָגט, „אַז דו האַלטסט עס פאַר נויטיק דיר אַנצוטון סגופים און צו נעמען אויף דיר תעניתים. מיין נפש איז באַליידיקט. אויף דער עצה פון הקדוש ברוך הוא באַפעל איך דיר אויפצוהערן מיט אַזעלכע געפערלעכע מעשים... פאַסט בלויז אַזויפיל וויפל



עס איז געבאָטן". פון פאַסטן קומט אַרויס קרענקלעכקייט, מעלאַנכאָליע, עצבות. גאָט קען מען דינען ביים טיש פונקט אַזוי ווי ביים מזבח. סגופים זענען בלויז אַ כיטרע מיטל פונם שטן אָפּצואַשוואַכן אַ מענטשנס ווילן. דער בעש"ט האָט כסדר אונטערגעשטראָכן די פרייד, וואָס מען קען האָבן פונם טאָג־טעגלעכן לעבן. גאָט האָט פיינט עצבות און פריידט זיך מיט דער שמחה פון זיינע קינדער. דער דאָזיקער געדאַנק איז צום בעסטן אילוסטרירט אין דער באַרימטער מעשה „שבת־געלעכטער".

אַמאָל אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס איז דער בעש"ט געזעסן מיט זיינע תלמידים צום טיש ביים עסן. פול מיט אַ געפיל פון דער שבת־הייליקייט, האָבן די תלמידים געבליקט אויפן רבין, וועלכער איז געווען פאַרטיפט אין רעיונות. פּלוצלונג אָבער האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. די תלמידים זענען נאַטירלעך מבולבל געוואָרן פון דעם דאָזיקן מאָדנעם געלעכטער, אָבער דער בעש"ט האָט ווידער און ווידער געלאַכט.

צומאָרגנס, נאָך הבדלה, האָט דער רבי געזאָגט צו זיינע תלמידים, „קומט מיט מיר, און איך וועל אייך דערקלערן מיין הנהגה נעכטן ביינאַכט". צוזאַמען זענען רבי און תלמידים געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט ביז זיי זענען אָנגעקומען צו זייער ציל. די גאַנצע קהלה איז אַנטקעגנגעקומען מיט אַ ברוך הבא פאַרן בעל שם־טוב. די רבנים און די דאָזאָרעס, גאַנץ קהל, האָבן זיך דאָרטן געפונען, מיטן אויסנאַם פון שטעטלדיקן בוכבינדער פונקט האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז נאָר דעם איינבינדער האָט דער בעש"ט געוואָלט זעען. האָט מען געשיקט נאָך אים. יענער איז געבליבן אָן לשון. נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַזוי חשוב, נאָך קיינמאָל האָט מען זיך אויף אים אַזוי נישט אומגעקוקט. אָבער דעם רבינס שמייכעלע האָט אים געשטאַרקט. „זאָג מיר, האָט דער בעש"ט זיך צו אים געוואַנדן, וואָס האָסטו געטון נעכטן ביינאַכט?" יענער האָט זיך געפאַסט מוט און דערציילט כהאי לישנא, „איך בין אַן אָרימאַן, אַ יגיע־כפּימניק, און קוים קוים וואָס כ'האָב פּרנסה. אַ גאַנצע וואָך קומט מען אויס ווי מען קאָן אַבי די נשמה צו דערהאַלטן. אַלץ וואָס כ'פאַרדין גייט אויף שבת, ווען מיר עסן זעלטענע מאכלים ווי פיש און פלייש. אָבער די וואָך האָב איך כמעט גאָרנישט פאַרדינט, און ווען פרייטאָג איז געקומען האָב איך נישט געהאַט וואָס צו געבן מיין ווייב. איך האָב מורא, האָב איך איר געזאָגט, אַז היינטיקן שבת וועלן מיר מוזן פאַסטן. נאָר ס'איז אַלץ בעסער ווי קצבה אָדער אַ מתנת־בשר ודם. איך גיי אין שול אַריין און דו שטעל אויף גרויסע קעסלען וואַסער אויף דער קיך. דער רויך דורכן קוימען וועט איבערצייגן אונזערע שכנים, אַז מיר זענען פאַרטון מיט הכנות שבת. מיינס אָפּגעזאָגט, בין איך מיר געגאַנגען צום דאַווענען און דערנאָך פאַמעלעך אַהיים. די אויסזיכט איז געווען אַן אומהיימלעכע, מחמת ס'איז גאָרנישט געווען צוגעגרייט פאַרן שבת־קודש. נאָר ווען איך האָב געעפנט די טיר פון מיין שטוב, האָט אַן איבערראַשונג געוואַרט אויף מיר. דער טיש איז געווען פּרעכטיק געלייגט, מיט וויין אָנגעגאָסן אין קידוש בעכער ביז אַרויף. די שבת־ליכט האָבן פריילעך געברענט. ביי מיר

בין איך געווען גאנץ זיכער, אז מיין ווייב האט געמוזט בעטן צדקה און גוטע שכנים זענען איר געקומען צו הילף. דאך האב איך געמאכט א שוויג. האב געמאכט קידוש, גענעסן דאס מאלצייט און דערנאך געזאגט ברכת־המזון. געענדיקט עסן, האב איך מיך געווענדן צו מיין ווייב און געזאגט, איך וואלט ליבער געפאסט ווי געגעסן דאס ברויט פון קצבה. זי האט געשמייכלט און געענטפערט: ווען דו ביסט אין דער פרי אוועק אין שול אריין, האב איך מיך גענומען ריינצומאכן דאס הויז לכבוד שבת. לאמיך כאטש עפעס טון לכבוד שבת. צו מיין גרויסער פרייד האב איך געפונען דיינס אן אלט מלבוש, וואס דו האסט מיט יארן צוריק אוועקגעווארפן. אויף דעם מלבוש זענען געווען אייניקע זילבערנע קנעפ. איך האב זיי אוועקגעטראגן צום גאלדשמיד, און ער האט מיר געגעבן עפעס געלט פאר זיי. מיט דעם דאזיקן געלט האב איך געקענט איינקויפן אלדאס נויטיקע אויפן שבת־קודש. הערנדיק אזעלכע רייד, האט דער ארימער איינבינדער ווייטער דערציילט, בין איך אזוי אנגעפילט געווארן מיט דאנקבארקייט צו אונזער טאטן־פאטער אין הימל, אז איך האב גענומען מיין ווייב אויף א טענצל. שפעטער האב איך מיט איר ווידער און ווידער געטאנצט.

„איך ווייס, האט דער בעל שם געענטפערט, בשעת דו האסט געטאנצט, בשעת דו ביסט געווען גליקלעך, האבן די גלגלים זיך מיטגעפריידט. דאס איז די סבה!" האט ער זיך געווענדן צו זיינע תלמידים, „דאס איז פארוואס איך האב פרייטאג־צו־נאכטס געלאכט אזש דריי מאל".

תפילה טון האט געשפילט א וויכטיקע ראלע אין דעם בעל שם'ס אמונה. דביקות מיט דער שכינה איז געווען זיין אידעאל. דינען גאט בלויז מיט די ליפן אדער א מעכאניש איבערחזרן תפילות האט ער שארף פאראורטיילט. אויב עמיצער באגערט, אז זיינע תפילות זאלן דערהערט ווערן, מוז ער מתפלל זיין מיט חדווה און איבערהויפט מיט אויפריכטיקייט. אסך מעשיות ווערן דערציילט אויף דער דאזיקער טעמע. א ישובניק, וועלכער האט דאס גאנצע יאר פארברענגט אויפן דארף ווייט פון יידישן לעבן, פלעגט אויף די ימים נוראים קומען אין דער נאנטסטער שטאט אריין צו פארברענגען די הייליקע טעג צווישן יידן. אזויווי מעזיבוזש, דעם בעש"טס וואוינארט, איז אים געווען אמנאנטסטן, פלעגט ער פארן דארטן אהין. זיין בן־יחיד, וואס איז געווען אין גאנצן פארגרעבט, האט זיך פארנומען מיט אכטונג געבן אויף שאף. ווי אלע פאסטוכער, האט ער אויך געהאט זיין פייפל, מיט וועלכן איינצוזאמלען די שאף און צו שפילן זיינע באליבטע מעלאדיעס. דער בחור האט זער געוואלט פארן אין דער גרויסער שטאט אריין אויף יום־טוב, און א געוויס יאר איז באגער אים נאכגעגעבן געווארן. דער פאטער האט אים מיטגענומען צום בעש"ט אויף די הייליקע טעג. ראש השנה איז פארביי און ס'האט געהאלטן ביי יום־כפור. צו נעילה איז דער בעש"ט געשטאנען פארן עמוד און זיך מעכטיק געראנגלט מיטן שטן. דער יונגער בחור איז געווארן אלץ מער און מער אומרואיק. ער האט נישט געקאנט נאכפאלגן דאס דאווענען. ער האט זיך געפילט אליין און מאדנע. עס האט אים אנגעכאפט א גרויסער חשק. ער האט אויך געוואלט זיך באטייליקן



אין די תפילות, אויסדריקן צו גאט זיינע געפילן און באגערן. אבער וויאזוי? ער האט נישט געוואוסט ווי אן אות זעט אויס, אפילו נישט וויאזוי מען האלט א סידור אין האנט. זיין איינציק מיטל זיך אויסצודריקן איז געווען דאס פייפל. נאך קיינמאל האט עס אים נישט פארפעלט צו דינען, סאי אויף די פעלדער סאי אויף די בערג. די הענט זיינע האבן געצערטלט דעם אינסטרומענט. אויס מורא פארן פאטערס כעס, האט ער זיך באמיט בייצושטיין דעם נסיון דעם גאנצן טאג. אבער דערזעענדיק ביי נעילה ווי דער בעש"ט אנגסטיקט זיך אזוי, האט ער זיך מער נישט געקאנט איינהאלטן. פלוצלונג האבן זיך דערהערט די שארפע טענער פון א פייפל אין גאטס הויז. זיין פאטער האט שיער נישט געחלשט פאר חרפה, אבער דער בעש"ט האט בפרהסיא אויפגענומען די דאזיקע טאט מיט פרייד. „דער בחור איז פול מיט אויפריכטיקייט, האט ער דערקלערט, זיין הארץ האט געבענקט צום כביכול. זיין הארצרייסנדיק אויסגעשריי האט אדורכגעדרונגען ביז אין הימל אריין און מיר זער פיל געהאלפן צו דערגרייכן א נצחון איבער דער סטרא אחרא".

נאך רירנדיקער איז די מעשה פון קליינעם נחמן, וואס זיינע עלטערן זענען דערהרגט געווארן פון כמיעלניצקיס באנדעס און דער פריץ פון דער געגנט האט זיך אויף אים דערבארעמט. דאס קינד איז דערצויגן געווארן ווי דעם פריצס אייגענער זון אן צו וויסן פון זיין שטאם. אבער א געוויסן טאג האט א חבר אים אויסדערציילט דעם סוד ביים שפילן זיך. דער יונגער נחמן האט טאקע אויסגעפינען דעם אמת וועגן זיין פאלק, אבער ער איז געווארן זער אומרואיק. טאג אויס טאג איין פלעגט ער באזוכן די חרובע היים פון זיינע עלטערן. נאר מער ווי אן אלטן סידור האט ער דארט נישט געפונען. עס איז געווען זיין מאמעס קרבן־מנחה סידור, וואס אויף די געלבלעכע בלעטער האבן זיך געפונען סימנים פון דער מאמעס טרערן. די אומזיכטבארע קייטן פון דער אמונה פון זיינע עלטערן האבן געהאלטן געבונדן דאס יונגל ווי מיט אייזערנע באנדן און יום־כפור איז ער אוועק אין דער נאנטסטער שול אריין. א ייד פארלוירן צווישן זיינע ברידער, האט ער צעמישט נאכגעקוקט די מתפללים אין זייערע טליתים וויאזוי זיי גיסן אויס זייערע הערצער פאר זייער טאטן־פאטער אין הימל. ער האט א נעם געטון דעם טייערסטן אוצר זיינעם, זיין מאמעס סידור, אים אויפגעעפנט און א זאג געטון: „אלמעכטיקער גאט, איך קען נישט דאווענען, נעם זשע די תפילות און דאוון אליין פאר מיר!" מיט מיטגעפיל האט דער בעש"ט באמערקט, אז „די דאזיקע איינפאכע, הארציקע ווערטער פון א בענקענדיקער נשמה האבן אויפגעעפנט די מעכטיקע טויערן פון הימל".

ער איז געווען אן „אומר ועושה", וואס ער האט געזאגט האט ער אויך אליין מקיים געווען. בלויז זיך צוצוקוקן ווי דער בעש"ט האט מתפלל געווען האט באטייט צו האבן אן אומפארגעסלעכע רעליגיעזע איבערלעבונג. זיין זון, צבי, פלעגט דערציילן, אז איינמאל האט זיין פאטער זיך באוויזן צו אים ווי א פייערדיקער בארג. „פארוואס דערשיינסטו אין אזא פארם?" — האט ער אים געפרעגט. „אויף אזא אופן דין איך גאט", איז געווען דער ענטפער. ביי א געווי־

סער געלעגנהייט האט ער זיך אפגעזאגט ארייַנצוגיין אין בית־המדרש אריין. „איך קען נישט אריינגיין; דאס מקום איז פול מיט תפילות און תחנונים". פאר זיינע דערשטוינטע תלמידים האט ער געגעבן די זאך צו דערקלערן, אז „די תפילות וואס מען האט דא געזאגט האבן נישט קיין פליגל, ווייל מען האט זיי געזאגט בלויז אויף א מעכאנישן און לעבלאזן אופן. זיי זענען דעריבער קיינמאל נישט ארויף אין די מרומים אריין. זיי האבן פשוט אנגעשטאפט דאס בית־המדרש, אזוי, אז עס איז נישטא קיין ארט פאר מיר אריינצוגיין".

שטעלן דעם טראפ אויף אויפריכטיקייט און פרייוויליקייט האט טיילמאל דערפירט דערצו, אז מען פלעגט פארנאכלעסיקן דעם זמן פון דאווענען. התלהבות און עקסטאז האבן פארנומען דאס ארט פון קאלטן דאווענען. דער חסיד האט געדאוונט ביים טאנצן און געטאנצט ביים דאווענען. מען האט גענומען אין ווארט־ווערטלעכן זין דעם פסוק, „כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך באלים"! ניין, דער בעש"ט איז נישט געווען גלייכגילטיק בנוגע קריטיק. האט ער דאך דערציילט דאס משל פון דעם טויבן מאן, וואס איז פארבייגעגאנגען א הויז. ער האט אריינגעקוקט אין א פענסטער און דערזען מאדנע זאכן דארט פארקומען. מען האט געטאנצט, אבער ער האט נישט געקאנט הערן די מוזיק און נישט זען די כלי־זמרים. דעריבער זענען די באוועגונגען פון די טענצער געווען מאדנע פאר אים און אומפארשטענדלעך.

## ליבשאפט צו ישראל

ר' ישראל בעל שם־טוב האט ליב געהאט זיינע מיטמענטשן, ווארום ישראל איז גאטס אוצר, דאס „אתה בחרתנו"־פאלק און אין יעדן בן־ישראל איז פאראן א פונק פון קדושה. אבסאלוט בייז עקזיסטירט נישט. אפילו א רשע איז נישט דורכאויס שלעכט, מען קען אלץ געפינען א קערנדל פון גוטסקייט אין אים. די שכינה בלייבט אין אים אפילו ווען ער באגייט א חטא, ווייל אנדערש וואלט ער עס נישט געקענט טון. איז עס דאך גאט, וועלכער באשענקט דעם מענטשן מיט חיות און כח. גאט קען מען דינען אפילו מיטן יצר־הרע, אויב די תאווה און דער חשק זענען געווענדט צו גאט. אן און פאר זיך און וועזנטלעך איז אלץ אויף דער וועלט גוט. די אותיות פון אלף־בית זענען אן און פאר זיך גוט, נאר אפטמאל צעשטערט דער מענטש די גוטסקייט דורך שלעכטע קאמבינאציעס. וועזנטלעך איז נישט פאראן קיין חילוק צווישן די אותיות פון קדושה און די אותיות פון עבודה־זרה.

עס איז א מענטשנס חוב צו זוכן דאס גוטע און דאס טוגנטהאפטיקע אין זיין מיטמענטשן. מן־הטבע האט דער מענטש צוויי אויגן; מיט איין אויג צו זעען זיין חברס מידות־טובות, און מיטן אנדערן צו זעען זיינע אייגענע פעלערן. „וואס עצהט איר מיך צו טון מיט מיין זון, ער איז אן אמתער רשע?" — האט געפרעגט א פארצווייפלטער פאטער. „האב אים נאך מער ליב", האט דער בעל שם געענטפערט. „גאט וואוינט מיט זיי אין דער מיט פון זייער אומריינקייט".



מען טאר קיינעם נישט ארויסשטויסן פון דער מחנה. אפילו וועגן שבתי־צבי האט דער בעל שם געזאגט, אז „א הייליקער ניצוץ איז געווען אין אים, נאר דער שטן האט אים געפאנגען מיט דער פאסטקע פון זיין גאווה". ער האט ביטער באדויערט די אפטריניקייט פון די פראנקיסטן. „כל־זמן דאס אבר איז פארבונדן מיטן גוף איז תמיד דא א מעגלעכקייט אויף א רפואה. האט מען עס איינמאל אפגעשניטן, איז שוין פארפאלן. יעדעס מיטגליד פון בית ישראל איז א גליד פון דער שכינה". „פייער און האגל" האבן געהערט צו די וואנדערנדיקע מגידים. דער בעש"ט האט נישט געברענגט קיין שום נייעס פון גיהנום און זיינע שרעקן. „גאט טוט נישט קוקן אויף דער שלעכטער זייט, ווי מעג איך?"

## דער נישט־אפגעגעבענער בריוו

אן עושר האט אמאל באזוכט דעם בעש"ט, און דער רבי האט אים געפרעגט צי ער קען אים מיט עפעס העלפן. „ניין, רבי, האט יענער געענטפערט, הקדוש ברוך הוא האט מיך געבענטשט מיט געזונט און מיט עשירות. איך האב נחת און גליק פון מיין פאמיליע. איך דארף מער גארנישט און כ'פארלאנג מער גארנישט". ביים אוועקפארן האט דער בעש"ט אים געבעטן איבערצוגעבן א בריוו איינעם פון די מנהיגים פון בראד. דער מענטש איז אוועקגעפארן און גאנץ פארגעסן וועגן דעם בריוו. גיך זענען די יארן זיך פארבייגעפלויגן. דאס גליק האט אים פארלאזט, ער האט פארלוירן דאס גאנצע עשירות עד כיכר־לחם. מעשה צופאל האט ער געפונען דעם נישט־אפגעגעבענעם בריוו. גיך האט ער זיך געאיילט אים אפצוטראגן. דער ראש־הקהל האט איבערגעלייענט דעם בריוו און באלד גענומען אויספירן וואס דארט איז געווען געשריבן, ווארום דער בעל שם האט זיך געוואנדן צום ראש־הקהל בזה הלשון: „דער ברענגער פון דעם דאזיקן בריוו איז אמאל געווען בכבוד און אן עושר... לעצטנס איז ער בדלות געווארן. מען דארף אים העלפן".

ענִיוות איז א מידה וואס מען דארף קולטיווירן, און זיך אויפצופירן מיט אמתער ענִיות איז דער ערשטער חוב פון דעם חסיד. א בוים, רייך מיט פירות, בייגט זיך מיט די פירות צו דער ערד אראפ. בלויז א נאקעטע צווייג און א פארדארטע שטייט גלייך און בייגט זיך נישט. האט ער געהאט געלט, פלעגט דער בעש"ט עס גלייך צעטיילן צווישן ארימעלייט, וועלכע זענען געווען בני־בית ביי אים אין הויז. איינמאל ביינאכט האט דער רבי נישט געקענט איינשלאפן. דער שלאף איז אים ממש אנטלאפן פון די אויגן. אויפשטייענדיק האט ער באמערקט אייניקע מטבעות, וועלכע מען האט נישט געהאט צעטיילט. עס האט אים באאומרואיקט צו האבן געלט אין שטוב.

## ליבשאפט צו דער תורה

עס איז א טעות צו מיינען, אז דער בעש"ט איז געווען קעגן לערנען. ער האט יא פיינט געהאט דאס לערנען שלא לשמה. א מענטש דארף לערנען „תורה כדי צו ווערן א תורה". די תורה, די לעבעדיקע ווערטער פון אויבערשטן, מוז

באאיינפלוסן און פארמירן דעם כאראקטער פונם למדן. ווי אין דער משנה שטייט, די תורה דארף „אנקליידן אים מיט עניוות און מיט יראה; זי העלפט אים ווערן א צדיק, פרום, ערלעך און געטריי; זי האלט אים צוריק פון זינד און דערנענטערט אים צו מידות טובות". כוונה און התלהבות זענען פונקט אזוי נויטיק אין לערנען ווי אין דאווענען. אבער אינטעלעקטועלע גאווה איז דער סאמע היפוך פון תורה־לערנען.

אויף דער זעלבער גאס אין א געוויס שטעטל האבן געוואוינט א למדן און א בעל־מלאכה. דער למדן האט פארברענגט יומם־ולילה אין לערנען תורה בעת דער בעל־מלאכה האט געארבעט לאנגע שעהן, כדי צו פארזארגן זיין פאמיליע. גאנץ פרי פלעגן זייביידע ארויסגיין פון שטוב, איינער איז זיך געגאנגען אין בית־המדרש אריין און דער אנדערער צו דער ארבעט. נישט זעלטן זענען זיי זיך פארבייגעגאנגען איינער דעם אנדערן. דער למדן האט אראפגעקוקט אויף זיין שכן, אים מבזה געווען. דער בעל־מלאכה פון דער אנדערער זייט האט שטאלצירט מיט זיין שכן דעם תלמיד־חכם. נאכן אפלעבן זייערע יארן אויף דער וועלט, זענען זיי געקומען פארן בית־דין של מעלה. די לומדות פונם תלמיד־חכם, זיינע מעשים טובים, זיין דאווענען און חידושים אין דער הלכה האבן אים נישט געהאלפן. ער האט פארלוירן זיין חלק עולם־הבא. זיין איינציקע זינד איז געווען א זער הארבע זינד, ווארום ער האט מבזה געווען דעם שכן זיינעם. דער בעל־מלאכה אבער, הגם ער איז געווען אן עם־הארץ, האט יא באקומען אן ארט אין גן־עדן; ער האט אפגעגעבן כבוד זיין שכן, ער האט אפגעגעבן כבוד דער תורה.

ווי וויכטיק ער האט געהאלטן כוונות קען מען זען פון דער פאלגנדיקער מעשה. ס'גאנצע לעבן האט דער בעש"ט געבענקט צו פארן קיין ארץ־ישראל. באגלייט פון זיין טאכטער און א תלמיד, האט ער זיך גענומען אויף דער סכנותדיקער נסיעה און געקומען קיין סטאמבול. די צייט, אז משיח זאל קומען איז נאך נישט געווען און א פאניק האט אויסגעבראכן אין הימל, ווייל מען האט זיך געפארכטן טאמער איז דער בעש"ט מקרב דעם קץ מיט זיין דערגרייכן צו די ברעגן פון הייליקן לאנד. מען האט דעראיבער אים געליינט מכשולים אויפן וועג. ים־רויבער האבן אים געפאנגען גענומען צוזאמען מיט זיינע באגלייטער. „רבי, האט דער תלמיד צו אים א זאג געטון, איר זענט דאך באקאנט אלס דער בעל שם־טוב, דאס גאנצע לעבן גיט איר אפ צו דינען אנדערע, טוט זשע עפעס אייך און אונז צו באפרייען פון דער ביטערער לאגע." „עס טוט מיר לייד, האט דער בעש"ט דערקלערט, נאר איך קאן ממש גארנישט טון. כ'האב פארגעסן דאס גאנצע לערנען. ווען כ'זאל מיך בלויז קאנען דערמאנען א שטיקל זוהר, עפעס פון דער גמרא, פון מדרש אדער אַ פסוק חומש, צי א תפילה פון סידור, וואלט נישט געווען קיין שום סבה מורא צו האבן". „האט אייער זכרון אינגאנצן אויפגעהערט אייך צו דינען? געדענקט איר טאקע גארנישט?" „יא, איך געדענקט בלויז די ערשטע אותיות פונם אלף־בית — אלף, בית, גימל, דלת". די לעגענדע דערציילט אונז, אז איידער ער איז געקומען צום אות הא



זענען זיי שוין געווען צוריק אין מעזיבוזש. דער מוסר־השכל איז קלאר. מיט בלויזער כוונה קאן מען דערגרייכן פונקט אזויפיל ווי דורך מתפלל זיין אדער א שטיקל זוהר. רחמנא לבא בעי (דער בארעמהערציקער גאט באגערט דאס הארץ), און האט מען עס איינמאל אונטערטעניקט, איז דאס איבריקע שוין נישט וויכטיק.

אויף וויפל מיר ווייסן, האט דער בעש"ט נישט געלערנט קיין הלכה. ער האט נישט פארברענגט קיין יארן אין א ישיבה, און האט אויך נישט פארפאסט קיין לומדישע חבורים. די, וואס ווילן אים ארונטעררייסן האלטן, אז ער האט נישט געקענט לערנען. נאר פון זיינע טיפע און שארפע באמערקונגען אויף פסוקים פון דער תורה, זיין באהאוונטקייט מיטן תלמוד און זיין אינטימקייט מיט קבלה־ספרים, איז קלאר, אז דער רבי איז געווען „מן־הטבע" געלערנט. א זעלטענער אינטעלעקט און אן אייגעבוירענער שכל־הישר האבן מער ווי קאמפענסירט „לומדות פון ספרים".

דער בעש"ט האט געהאט א געוואלדיקע השפעה אויף זיינע תלמידים. זיי האבן אים געליבט, פארערט און כמעט פארגעטערט. ר' ליב שרהס, וועלכער האט געלעבט אין דער זעלביקער צייט, האט געזאגט וועגן בעש"ט, „ווען ער וואלט געלעבט אין דער צייט פון די נביאים, וואלט ער געווארן א נביא. וואלט ער געלעבט אין דער צייט פון די אבות, וואלט ער געווארן אן אויסערגעוועהנלעכער מענטש, אזוי, אז פונקט ווי מען זאגט אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב, וואלט מען אויך געזאגט אלהי ישראל".

ז' סיון, 1760, איז ר' ישראל בעל שם־טוב נפטר געוואָרן, ארומגערינגלט פון זיין פאמיליע און איבערגעגעבענע תלמידים. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען אין הסכם מיט זיין כאראקטער. „זאל קיין פוס פון גאווה נישט קומען איבער מיר". (אל תבואני רגל גאוה — תהלים ל"ו י"ב) מיט דעם דאזיקן פסוק פון תהלים איז ער איינגעזאמלט געווארן צו זיינע עלטערן.

חיים וואלדמאן

## יום העצמאות

כ'הער אַקול פון שופר,
וואס שאלט פון זאמד ארויס:
עס קומט עס גייט דאס פאָלק
מיט לידער געזאנג פאראויס.

ס'שווייגן די הימלן די בלאָע,
מיט וואלקענס מיט ווייסע באַצירט;
עס קומט משיח פון מדבר,
פון אייזעל דעם ווייסן געפירט.

ס'פלאטערט דאס הארץ פון פרייד,
צו זען די יוגענט קומט אָן,
מיט זיכערע טריט און פעסטע,
און עס פלאטערט אַ בלאָ־ווייסע פאָן.

ס'קומען די טעג מיט זונען־געזאנגען —
די טעג פערחלומט אין דעמרונג פערגייןן;
הערצער וואס זינגען געזאנגען ארויס,
רופן צו גאולה דאס פאלק אליין.

תל־אביב, יום העצמאות, 1960.

## מארק טווען אין פאריז

פארויס פאר מיר, אראפּ דער פארשטאט סט. אנארע, פארט א גרויסער אלטפרענקישער אמניבוס, גאנץ אנדערש געפארבט ווי די געוועגלעכע. אויפן דאך פונם קאסטן — א באנק, וואס איז נישט באזעצט; אינעווייניק אבער איז דער וואגן איבערפילט. איבערפילט מיט יונגע ענגלישע מיידלעך, וואס מען דערקענט זיי באלד אויפן ערשטן בליק. דער וואגן האט נישט קיין קאנדוקטאר. דאס ארט ביים עק פארנעמט אן אלטע דאמע, אויף וועמעס שויס עס זיצט א יונג מיידל. א געטשוויטשער הערט זיך פון אט דעם מאדנעם אמניבוס, וואס פארט מיט געריש בארג אראפּ. א פענסיאנאט! גלייך ווייס איך שוין וואוהין זיי פארן. צו מארק טווען, וועלכער גייט האלטן זיין פארלעזונג אין דער בריטישער אמבאסאדע. ביז איך בין אהינגעקומען, גייענדיק לאנגזאם, איז שוין דערווייל די גאנצע טשוויטשענדיקע געזעלשאפט אויסגעשטיגן. איצט אבער גייען זיי פארוויז ערנסט איבערן הויף. דאס הויז שטייט צווישן הויף און גארטן. פונם טויער ביז צו דער טיר פירט א גראניט־פלאסטערונג. אט דער דאזיקער גיי־וועג איז געמאכט געווארן אין ענגלאנד, אזוי באשטעטיקט די פאבריק־מארקע, און איבערן באדן רעכטס און לינקס מעגן וואגן־רעדער גדלותדיק גרילצן.

ענגלישע עלעגאנץ. באדינער מיט ווייס־בלאקירטע האר. קילע זאאלן, וואס זענען דאך אויס באוואוינט, וואלט מען געקענט זאגן: לייכט באוואוינט. אינם גרעסטן זאאל די רייען צארטע, באגילדעטע שטולן, באצויגן מיט געבלימט רויט זיידנס. אזעלכע זעט מען אמאל בשעת א רייזע אין די פאלאצן פון פירשטן, ווען זיי זענען נישט אין דער היים, און מען גלויבט דעמאלט, אז זיי דינען גארנישט צום זיצן. דא זיצט מען אויף זיי נישט באקוועם, אבער מען זיצט.

די הערשאפט: דאמען, אנגעהויבן פון די סאמע יונגסטע ביז צו די פייערלעכסטע יארגענג. זער ווייניק מענער. אחוץ דריי־פיר זשורנאליסטן, קיין איינציקער פראנצויז... וואס פאר א נחת פאר די אויגן, אט די גאנץ יונגע מיידלעך, נאר־וואס אויפגעבליט, פיינע פנימער צווישן כוואליעס פון העלע האר. געשטאלטן ווי ארנאמענטן, וואס אומווילקירלעך זעט מען זיי אין דער פאנטאזיע אויף א לאנקע און מיט פליענדיקע טעניסבאלעמלעך. מען קען ממש נישט באטראכטן אן רירונג אט די בלאנדע שיינהייט זייערע, ווייל זי גייט פארביי אזוי גיך ווי דער דאזיקער פרילינג אליין, פון וועלכן זיי שטאמען, אין וועלכן זיי דערמאנען אייך.

דער זאאל איז פול, און מען מערקט עס נישט. די שכנים שמועסן צווישן זיך שטיל. דאס איז זייער ליידנשאפטלעכע גוטע דערציאונג. מען דארף זיך בלויז פארשטעלן אן ענלעכע צאל פראנצויזקעס פון דער עלעגאנטעסטער געזעלשאפט אין אט דעם זאאל. עס וואלט געווען א שטארק גערויש פון שטאפן



און געשפרעכן, „מא שער!“ און אפילו ווען זיי וואלטן געשוויגן, וואלטן זייערע בליקן ארומגעלאפן, געפרעגט, געענטפערט, געשמייכלט, מקנא געווען, חושד געווען, געגריסט, קאקעטירט. דאס אבער איז דאס פאלק פון די רואיקע אויגן. יעדער ענגלענדער האט אנדערטהאלבן מעטער ווייט פון דער שפּיץ נאז אן אומזיכטבארן פונקט, אויף וועלכן ער קוקט אויפמערקזאם. ער איז אדער זער ערנסט אדער זער הייטער, גארנישט אין צווישן. יעדעס מאל איך דערזע דעם אמבאסאדער, לארד דאפרין, פאלט מיר איין, אז ער זעט כלל נישט אויס ווי אן ענגלענדער. עפּעס שמייכלט ער אזויפיל. אמת, עס איז אן אייזיק, אומאנגענעם, גרויזאם שמייכלען, אבער דאך אן ארט שמייכלען. ער הייסט דאפרין ענד אווא. דער צווייטער נאמען פאסט אים בעסער, ווייל ער קלינגט ווי אלבא. אט דאס דאזיקע געפאלדעוועטע, פון דער לופט פארדארבענע, טונקל־געלבלעך פנים מיט דער שארפער נאז, וואס האט בלויז א שמץ, פון נאר ביים קין אביסל א שטארקער, געפארבט בערדל, וואלט בעסער געזעסן אויף א שפאנישן קראגן. ער וואלט זיכער געווען א גובערנאטאר פארהאסט אין האלאנד. איצט שטייט ער ביי דער טיר און נעמט די גאנצע געזעלשאפט אדורך מיט א שטעכנדיקן בליק. אויך פעלט אים דער אנדערטהאלבן מעטער פונקט אין דער לופטן פאר זיך.

נאך צוויי־דריי מענער שטייען ביים ארייננגאנג און קוקן עמיצן אן, וועמען איך קען נישט זען. איך בין מיר משער, אז עס איז מארק טווען, ווייל אין די אויגן פון אט די מענער קען מען דערקענען די דערוווארטונגספולע הייטערקייט, מיט וועלכער מען נעמט געוויינטלעך אויף א באקאנטן לוסטיקמאכער. אט קומט ער שוין ארייין, דער בארימטעסטער שפאספויגל פוןביידע וועלטן. ער גיט א זקן די האנט, און גלייך לאכט יענער הארציק, דאס לאכן גייט אים איבערן גאנצן, איידעלען, באשרענקטן, אלטן פנים. איך אליין בין פעסט איבערצייגט, אז מארק טווען, האט יענעם נישט מער ווי געגריסט. קען דען מארק טווען עפּעס זאגן, אז עס זאל נישט אויסקומען קאמיש? אלזא, דאס איז ער! א קליינער, מאגערער און אביסל אפגעלאזענער מענטש; צו קינסטלערהאפטע גרויע לאקן, אראפּהענגענדיקע, דיקע, גרויע וואנסעס אונטער דער זער געבויגענער נאז, א לעערער בליק, שלאפע באקן, א שפּיציק קין. דאס יעדנפאלס איז דער מר. קלעמענס (אזוי הייסט ער אויף זיין פריוואט־נאמען), נאר דעם מארק טווען האב איך מיר, וואס אן אמת, אנדערש פארגעשטעלט. כ׳ווייס שוין נישט מער וויאזוי, נאר גאנץ אנדערש. עס איז אבער נישט זיין שולד. גוט זענען אין דעם דאזיקן פנים בלויז די אויגן־ברעמען; פרעכטיקע, ענערגישע, לאנגע ברעמען, וואס האלטן זיך אין צונויפפלעכטן. סאי דאס שטעכלדיקע סאי דאס געמיטלעכע פון מארק טווען געפינט זיך אין זיי. זיין הומאר איז אומגעהויער, מעכטיק און אומווארפנדיק. אמתע בלאקן פון לוסטיקייט, אויסגערעכנט פאר א פאלק, וואס שמייכלט נישט. ווען א מענטש פון דער ענגלישער צונג אנטשליסט זיך צום לאכן, וויל ער גלייך לאכן שפעדיק מיטאמאל, אז אלץ זאל קראכן. און אט דאס קליינע מענטשעלע האט ארויסגערופן דאס גרויסע לאכן

וואו נאר אויף דעם ערד־גלאבוס מען רעדט ענגליש ; עס איז דאס ברייטסטע געביט.

וואלט מען געקענט זיך אויסקלויבן אויף וועלכער שפראך צו שרייבן, כדי צו מאכן אן איינדרוק אויף די געמיטער און איבערצולאזן א רושם, וואלט מען געמוזט זיך אנטשיידן פאר ענגליש. יא, פראנצויזיש קלינגט אויך ווייט און ברייט, אבער די פראנצויזן האבן נישט קיין זכרון פאר דעם נעכטיקן טאג פון זייער ליטעראטור. און ווער עס לייענט פראנצויזיש פאלט אין דעם אריין. און מכח דייטש ? מען קען שוין די דייטשע דאנקבארקייט פאר א שרייבערט ווערק.

אה, מען מוז זיך גוט צוקוקן צו מארק טוועינס צוהערער אין דעם דאזיקן פיינעם זאאל אין דער אמבאסאדע פון איר מאיעסטעט, ווי זיי באגריסן דאס דעם מר. קלעמענס צו זיין דערשיינען, מיט וואספאר א התלהבות און פארערונג.

ער איז א מערקווירדיקער פארלייענער, בלויז — פאר די שטיקלעך פון מארק טוועין פאסט ער זיך נישט. ער מאכט פון זיי עפעס גאנץ אנדערשס, און עס שטעקט הומאר אין דעם. ער פארדארבט אבער זיינע פראכטפולע זאכן מיט אן ענלעך פראכטפולן פארטראג. א קינסטלער אין שרייבן און א ווירטואז אין פארטראג. קודם כל ווערט מען איבערראשט, ווייל מען האט זיך זיין אופן נישט אזוי פארגעשטעלט, נאר טרוקן, בייסיק און טיילמאל מיט א וואונק פון אונטער דעם ברעמען־אורוואלד ארונטער. דער קליינער מר. קלעמענס איז צו פלינק און געשיקט, און עס שיינט ווי ער וואלט געוואלט ארויסקריגן מער ווירקונג פון דעם פארטראג ווי פון דעם ווערק. איך קען עס מיר בלויז דערקלערן דערמיט, וואס ער איז אן ספק א זער געזוכטער פארלייענער און האט אין זיך אויפגענומען געוויסע געוואוינהייטן פון שוישפילער. וואס לענגער מען הערט זיך צו, אלץ מיסטרויאישער ווערט מען. צום סוף האלט מען, אז יעדער זשעסט איז מיט גרויסער מי איינשטודירט, ווי פריי ער זאל זיך נישט באוועגן, ווייל עס איז פון אן איבערגעלאדענער באטירלעכקייט.

דאך זענען אפילו זיינע פעלערן פארכאפנדיק. דערפון קען מען זיך ארויסבויען דעם געשמאק פון יענע מענטשן, וואס פאר זייערטוועגן האט ער אנגענומען אט די מאנירן. די מענער פארלאנגען עפעס פאר זייער געלט, און ווען זיי באצאלן פאר א פארלעזונג מוז שוין דערין ממשותדיקס זיין. דערפאר טאקע ווערט אלץ אזוי דיק אונטערגעשטארכן, אזוי גרייפבאר אונטערגעטראגן. דערפאר מאכט ער אזוי פיל איבריקע זשעסטן, ווען ער שטעקט נישט צופעליק אריין די האנט אין וועסטל־קעשענע. דערפאר שפילט ער ווי א קאמיקער. כדי צו באצייכענען השתוממות, וואקלט ער זיך אויף צוריק. יא, ער שפרינגט ממש ארום. וויל ער ארויסברענגען פארלעגנהייט, רייבט ער זיך די נאז, דאס מויל, די ראזירטע באקן. צום סוף קראצט ער זיך דעם קאפ — און איך באדויער וואס איך מוז עס זאגן, אז עס האט ביים פובליקום ארויסגערופן א לייכטע דערדריקטע שטימונג, ווייל דאס רוב זענען עס געווען ענגלענדער, וועמען עס קרענקט ווען עמיצער האט אזעלכע פרייע אמעריקאנישע הועיות.

די פארלעזונג איז געענדיקט. מען האט פיל געלאכט. לארד דאפרין און



אלבא דריקט מיט א שמייכל די האנט פונם לוסטיקן מייסטער, וועלכן מען וועט נאך מיט באגייסטערונג דערמאנען ווען פון זיין לארדשאפט וועט מער קיין זכר נישט זיין ; נישט דאפרין און נישט אווא. די צוהערער וייסן אבער נישט צי עס פאסט שוין אוועקצוגיין. א געוויסער דזשענטלמאן שטעלט זיך אויף, דאנקט מיט איניקע פייערלעכע ווערטער דעם מר. קלעמענס פאר דער אונטערהאלטונג און דעם לארד דאפרין פאר לאזן באנוצן דעם זאאל צו א וואוילטעטיקן צוועק. און כדי אנצודייטן, אז איצט איז שוין אלץ געענדיקט, אפילו זיין אייגענע רעדע, פאטשט ער בראווא דעם רעדנער מיט א געלאסענער מינע ביים שלוס פון זיינע אייגענע ווערטער. קיינער וואונדערט זיך נישט איבער דעם. אלע פאטשן צוויי־דריי מאל, כדי צו באשטעטיקן, אז זיי האבן פארשטאנען דעם וואונק, און שטעלן זיך אויף. ווידער גייען זיי ארויס מיט ערנסטע פנימער, באטראכטן דעם פונקט, וואס שוועבט ארום אנדערטהאלבן מעטער פון זיי, און גייען פאמעלעך איבערן הויף. אלע האלטן זיך אויף דעם שטרייף גראניט־פלאסטערונג, פונקט ווי עס וואלט געווען א שטעג, וואס אויף רעכטס און לינקס פון אים איז וואסער.

זיי גייען ארויס צום טויער. דא איז שוין פאריז. פאריז, וואס אנטהאלט אלץ, אלע וועלטן. ווי מערקווירדיק, אז אין אט דעם ים־פאריז גופא לאזן זיך די ענגלענדער אזוי דייטלעך און אזוי לאנג אונטערשיידן. בשעת איך שטיי אזוי ביים טויער און קוק נאך מארק טוועינס צוהערער, קען איך זיי פארפאלגן ביז העט אראפ צו רי־ראיאל. זיי צעפליען זיך נישט, פארמישן זיך נישט מיט די פילע איבעריקע מענטשן אויף דער גאס. עס זעט אויס ווי זיי ואלטן זיך געקענט איינס דאס אנדערע און באלאנגט צו איין מיליטערישער איינהייט. ביי אזא געלעגנהייט גלויבט מען איינצוזעען דעם שכל פון אלע זייערע מאדנע אייגנשאפטן, קליינע און גרויסע. אט די דאזיקע מאדנע אייגנשאפטן דינען צו זייער קיום.

פון אריגינאל, **א. אלמוג**

---

* צום 100'סטן געבוירן־יאר פונם באשאפער פונם פאליטישן ציוניזם, דר. טעאדער הערצל, דריקן מיר אפ איינע פון זיינע גלענצנדיקע, ראפענירט־סטיליסטישע פעליעטאנען, ווו אין קנאפע פיר זייטלעך ווערן קלאר־קריסטאליזירט, מייסטערלעך־אויסגעשליפן די גרונד כאראקטער־שטריכן פון 4 גרויסע ציוויליזירטע פעלקער — זיי פונקלען מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות. אויף אן אונטער טאן פון א שפילנדיקע איראניע קומען זיי דווקא ארויס גאנץ ערנסט . . . און דער גרעסטער שרייבער פון יענער עפאכע שפילט גאר דעם „לוסטיקמאכער", ווי א געבוירענער קאמיקער . . .

ווען אזא וועלט־אנערקענטער פעלעטאניסט און דעמלט באקאנטער דראמאטורג, נעמט איבער די פאליטישע הנהגה פון זיין צעבראכן און צווישן נאציעס גערודפטע אומה און ווארפט זיך אריין בלב ונפש אין א ממש רעטונגס־ארבעט, מוזן זיך די קולטור־פעלקער פון דער וועלט צוהערן צו אים.

און דאס איז מסתם אויך א טייל פונם פתרון, וואס זיין פאליטישער חולם איז קודם כל שוין כמעט הונדערט פראצענטיק, מקוים געווארן, און ער, דער אייראפעאיש וועלטלעכער, כמעט אפגעפרעמדטע ייד, געהערט איצט צו די ראשי חוזי־און חלוצי־הגאולה פון א באפרייט ישראל. ש.

## א. נ. שטענצל

### צום בוך „ווייטשעפל“

מיט וויפיל געזאַנגען דאָס שטעטל באַזונגען,
עס צו באַשיינען ווערטער ווי פערל געקליבן;
איצט, אז טויזנט און איין שטעטל מיר באַוויינען,
אַ ווונדער, אַ טרער פאַר דיר נאָך איבערגעבליבן.

איין טראָפּן קאָן לעכערן דעם פעלזיקסטן שטיין,
אָבער ווי אַזוי לעכערט מען אַ טרער אינמיטן?
— ווי אין אייגענעם האַרץ מען בויערט, מען בויערט,
אַזוי־אָ אין אַ טרער זי זאָל זיך נישט צעשיטן.

און דאָס רויטע שנירעלע זי אויפצוציען,
און דעם צאַרטן האַלדז אים צניעותדיק צו באַצירן?
— אויף פעדימל בלוט פון געלעכערטן האַרצן,
פאַר דער טויטער בת־מלכה צו קבורה צו פירן?

בלויז צו באַשיינען די ווערטער וווּ געפינען,
טיפער ווי אין תהום זיי זיינען דאָ פאַרזונקען — —
ווי פינסטער־שוואַרץ זי ווערט, די לעצט־געבליבענע,
אַז כסדר די פעדער רק אין איר געטונקען — —

* * *

צום ים דאָ, צום אינזל וויפיל כ׳האָב נישט געזונגען,
צו וויפיל, ווי מיין אייגענער לייב מיר נאָנט געוועזן,
בלויז מיין טאַטנס שטיקל הימל, תפילהדיק לויטער,
מיין מאַמעס דריי שטערן — אינערגעץ דאָ נישט געזען.

אַ סך מאָל, ווען איך האָב די לידער־אָ געשריבן,
שטיל־געבוקט איבער קאַפּע־טישל, געזוכט אַ וואָרט,
ראַפּטים דערשפּירט: טאַטע שטייט מיר אונטערן רוקן,
און כ׳דערהער, ווי ער שעפּטשעט עס אַרויס פון זיין באָרד.

און דעמלט, איך ברויך בלויז די אויגן אויפצוהויבן,
איבער מיין קאָפּ, מיין טאַטנס הימל ברייט אויסגעשפּרייט,
און ווען איך פאַרמאַך זיי: זע, מיין מאַמעס דריי שטערן,
און איינער — דירעקט איבער ירושלים שטייט.

* * *

מיין שטעטעלע, ירושלים,
אַ ווו וועל איך געפינען מיין רו?
כ׳טרעט אויף ערד דאָ און טראַכט פוןביידע;
שוין אין געדאַנק פון זיי ווערסט הייליק,
געהערסט אויך צו זיי, ווייטשעפּל, דו.



מיט יעדן שריט אַלץ, ווי וואַקלדיק,
צו לעצטן ברעג איצט איך טרעט שוין בלויז;
מיין שטעטעלע, ירושלים,
ווי כ׳ציטער, איר זאָלט חלילה — אַ שרעק! —
פון מיינע רעיונות נישט אַרויס.

ווי וויסט־פאַרוואָגלט ס׳ווערן ווערטער —
מענטשן פאַרוואַלגערט אין דער פרעמד ווו;
ווען איך וואַנדל אין די געסלעך דאָ,
טראַכטנדיק אייך, ווי צו אַ נאָנטן,
קומען זיי אַזוי היימישלעך צו.

### ס א נ ע ט ן

איבער דער טעמזע דער שוואָן מער פון אַלטקייט שוין ווייס,
פעט דער בויך, פויל די גלידער, די פליגל ווי שווער,
צום פלי, זיי ווילד־צוצעפּאַטשן ער קען נישט מער,
און מיט אונטערגעהאַקטע פיס פון אַ בייז־גרויען גרייז,

נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך ברייט־כלאַפּטשענדיק יעדן שפּרייז,
עבר בטל וואַקלען אויף ברעג אַהין, אַהער,
אויפהויבן אַ גלויביקן לאַנגען האַלדז: אויב ווער
וואַרפט מיט איין אויג, גנעדיק אים צו אַ ברעקעלע שפּייז?

בלויז ווי לאַנג קאָן אַ שווייגנדיקער גאַנצע טעג,
צווישן ברעגעס אייביק ציען אַ וואַסער־וועג?
און פלוצלינג, אַ זינקנדיקער, הויך ער צעזינגט זיך!

ער זינגט, ער הערט זיין קול — — בלויז זיך איינגעהאַלטן!
שווער אַנגעזאָפּט צו ווערן, טייך זאָל זיך שפּאַלטן — —
אַלץ, טיפער, טיפער, ווי אַלץ אַזוי לייכט פאַרגרינגט זיך.

* * *

נאָך האַלבער נאַכט. ווי וווּנדערלעך־וואַך ס׳וואַרפט זיך די שטאָט —
אַ לעבעדיק האַרץ וואָס קלאַפּט ציילנדיק צום טאַקט;
יעדער אָטעם־צוג צו דער רגע — ווי עקזאַקט!
זי ליגט געשטילט אַ קינד וואָס שפּילט זיך: „דראַד און דרים, דראַד“ —

נאָר ראַפּטים — ביים איינשלאָפן אפנים עס האַלט גראַד! —
דאָס ריטמישע קלאַפּן מיט אַמאָל אַפּגעהאַקט,
אַ קאַץ אין פאַרבונדענעם זאַק אַריינגעפּאַקט,
גיט זיך אַ וואָרף — שטאָט אויפגעציטערטער ראָד אין ראָד!

ווי אין־סופיק וויסט די ווייט, ווי תהומיק דער דנאָ,
נעגל און גראַטשעס אין אויפגעריסענעם גראָ — —
ווי עס צאַפּלט דאָס האַרץ און ווי פינסטער עס רייסט זיך.

רויט־אויפגייענדיק, נישט־דערשלאָפענע פאַרטאָגן,
ווילד איילנדיקער ריטם, קוים אים צו דעריאָגן,
ביים ציילן — זונ׳ס אויבער־ליפּ, ביז בלוט, בייז פאַרבייסט זיך.

* * *

לאָנדאָן, די שטאָט, ביזט דו נישט די מוטער פון די שטעט ?
זע, פון מאָסקווע ביז נוי־יאָרק איבער פאַריז,
איין ריר פון אַ פינגער, איין קרענקלעכער קאַפּריז,
און קיין שטויבעלע ס׳בלייבט פון דער ערד אויף וועלכער כ׳טרעט.

שפּרייזנדיק פון דער אָלדגעט־פּלומפּ ביז צו מיילענד־געט,
אין זון אויפגיי כ׳וואַקל, קוים שלעפנדיק די פיס,
מיין שאָטן שפּאַנט פאָראויס, אַזאַ פינסטערער ריז,
און מיין טרויעריק שריט גייט־איבער מיט געבעט :

גאָט, האָסט דו אונז פערזאַמלט אַזוי אומבאַשיצט,
ווי אין די געטאָ׳ס, אין שטעט אומצוקומען איצט,
דעם „תמית נפשי עם פלישתים״ אויסצושרייען ?

גאָט, מיר ווילן קיין שמשון־העלדן נישט זיין — ניין !
העלף אונז אין די סדום׳ס די צדיקים צו זיין,
און די שטעט פונם לעצטן עונש צו באַפרייען.

* * *

ווי צווישן כוואַליעס ווו, אויף וואַקלדיקער בריק :
די מענטשן, די אויטאָס, די באָסעס אַזאַ גלויף,
יענער וואָס טויכט פון „אונטערגרונד״ טיפעניש אַרויף :
גראָד אין צייט ! דאָס גליק־פרייד אין שווימענדיקן גליק —

נישט אויף דער ערד, ער גייט אין צירקוס אויף אַ שטריק !
ביזן הימל אַרויף אַ מין אומענדלעכע שרויף,
עס דרייט זיך אַ שפּינגע־דעגינגעדיקער אין־סוף,
פון אַ שוואַרץ־קינסטלער אַזאַ באַוויזענער טריק.

און איז נישט כביכול אַליין, כל־יכול גאָט,
אָנגעדרייטער פערפּענדעאום־מאָבילי־ראָבאָט — —
עלעקטריק־צוק דורך מיין רוקן ביז וואַקל פון קני !

מיין האַרץ ווערט גליאַיק־שטיל — אַ פאַרגליווערטע טרער,
אין דעם טריפנדיק כוואַליעדיקן אָנאויפהער,
כ׳הער טאַטנס פאַרדווקט תהילים זאָגן אין דער פרי.

* * *

טויזנט יאָר געהאָלפן די שטעט אויפצובויען,
האָט מען דאָך אַריינגעלייגט אונזער חלק — —



וואָלט דען צומאָל געווען אַ קלויסטער הייליק,
אַ פאַרלוירן האַרץ געפינען גאָט־פאַרטרויען,

אין דעם גאָטיש־געציש־גולמדיקן־גרויען,
ווי קופּאָל־קיילעכדיק, ווי קונציק־זייליק ?
עס וואָלט זיך געצויגן אַזאַ לאַנגווייליק,
פּאַטשערקע־געפרעפּל פון צעפּלאָגטע פרויען,

אָן שם־המפורש אונטער צונג אונטערגעקלעבט ?
ווי האָבן אונזערע, צרופימדיק באַלעבט,
דאָס מאַטעמאַטישע לוציפער־געציפער —

צייל זיי בלויז אָפּ אין לאָנדאָן אוניווערזיטעט !
אַזוי הימל־קראַצער־הויך דערהויבן די שטעט,
זיי זאָלן פאַרזינקן ווי בבל נאָך טיפער ?

* * *

הארענדארפ׳ן

ווי געפאַנגענע וואָס פון תפיסות אַרויסלויפן,
יאָגן זיי איליק איבער איינער דעם צווייטן :
נאָך גוט אַרויסגעקומען, געגוג באַצייטן,
פונם מאַרק עפעס ביליקס מיט אַהיים צו קויפן.

יענער צווייטער, וויל נאָך דווקא, בכל־האופן,
זיין באָס כאַפּן, דערקענט דעם נומער פון ווייטן,
און ביז אַהיים ער מוז אים נאָך איבערבייטן,
אויפן דושנעם אונטערגרונדס אַראָפּ־און אַרויפן.

און די מיט די קאַרס שלעפן זיך ווי אַ לויה, —
אויף געקריך פון רעדער סאָפּעט אַ מין חיה ! —
פון פאָרנט, מין הסתם, פירט מען דעם בר־מנן ;

מען האָט אים דאָרטן אין אַ תפיסה־צעל געקעפּט.
און יענער מידער, קוים נאָך זיינע פיס וואָס ער שלעפּט,
מאָדנע ווי דערפרישט ער ווערט מיט יעדן פרישן שפּאַן.

* * *

די שטאָט זי ליגט נאָך אַלץ אַזוי ווי געלעגן,
אַ פעט־אויסגעפרעסענע, שווער־בייכיקע שפּין ;
איר שנעל־ספּריטנע שנעבעלע, ווי שטאָלן, ווי דין,
שפּרונזענע־פיס — שטריק־שפּיזלעך פלינק זיך באַוועגן.

אַ גרוי־געוועב פון פעדים ציען זיך וועגן,
איינס איבער אַנדערן, אַהער און אַהין,
געוואָרפן, געשליידערט ביז אַרויס אינם גרין
דריוולען זיך פראַנזן־גרעזער אין זון און רעגן.

ווי אַפּגעוויקלטע שוין, קולערלעך־גאַרן,
לויפן פלינקע קאַרס, ווי זשוקלעך פון געפאַרן,
זיך צו ראַטעווען דרויסן צווישן ביימער און גראָז.

אַ „קאַטעזש״, אַ גאַראַזש, וואָס קאָן שוין זיין בעסער ?
בלויז ער פילט : זיין טאַטע, דער ווייטשעפּלער פּרעסער,
אין זיין הייזקע, געווען אַ שענערער באַלבאָס.

* * *

פון אַלע אידעען, פון אַל אידעאַלן,
געבליבן בלויז די מיטלען וואָס פירן צום צוועק ;
די פרומע געשטאָרבן, פאַרטיי־פירער אַוועק,
פונקט ווי די שולן פוסטעווען אויך שוין די זאַלן.

מען בעט איצט צו גאָט מאַמאָן, ווי אַמאָל צו בעל׳ן !
אונזער תורהלע באַהענגט מיט גין־גאָלד־געגלעק,
ווי להבדיל קלויסטערלעך אין ווייַרויך געבלעק — —
מ׳מאַכט דאָ צומאָל פון מאַרקס „קאַפּיטאַל״ קאַפּיטאַלן.

יאָ, „צייט איז געלד״ פאַר אָפּשטאַם פון אוראַנג־אוטאַנג !
און אַ האַרץ ווען עס צעגיסט זיך שטיל אין געזאַנג,
גלויבט זיך אַליין שוין נישט מער, בלייבט פערגאַפּט ווי אַן אַף ;

כאָטש נעמען קלעטערן אויף אַלע פיר פון צווייַ צו צווייַג,
ניסן קנאַקנדיק, בליק הויל־אויפגעריסן, פול געשווייַג,
אַ הויט־גערונצלטער שטיק־שרעק אינמיטן באַשאַף.

* * *

איז נויטיק רייד אַזויפיל ווערטער אַ סך,
אַז מיט איינעם אַ פאָרמול, אַ ציפער, אַ וואָרט,
טייוול פאַרזיווגט, פון שאָטן צונויפגעפּאָרט,
און אין איין רגע חרוב דער גאַנצער כרך ?

און אַז שבעים לשונות שוין דעם תנ״ך,
מיט לייב און לעבן געטראָגן פון אָרט צו אָרט,
און וויפיל פון קרייץ־צוגן, פון שאַפאָט געשפּאָרט,
אויסגעשאָכטן אין די שחיטות פון שנת ת״ח — —

נאָך געבליבן לעצט הייפעלע אַש אַצינד,
גאַנץ צוצעפלאָשן אַזוי פון מינדסטן ווינד,
אָן אייביק ווייַרויך־שטויבל צעפלאַטערט מיט גאָט.

ווער בויך דען ווערטער א סך, רייד אַזויפיל —
אַ צאַנקנדיקער נר־תמיד אין דער שטיל :
„אדוני אלוהינו אדוני אחד״ — —



משה דאמב

# אויף חרובע וועגן

(קאַפּיטל דריי)

אזוי איז דאס שוין אויף דער וועלט, פון ווילד פרעמדע מענטשן זענען מיר אפגעזונדערט דורך א דינטשיק ווענטל, אבער פון אונזערע אייגענע נאנטסטע צו וועלכע מע בענקט נאך א טרייסט ווארט, נאך א ביסל היימישע פריידיקע צוזאמענזיין, איז מע אפגעזונדערט דורך א דיקע וואנט, אט א דאס שאפט אייי אומעטיקע פוסטקייט און צעגיסט זיך אזש אין אלע אברים, גאט זאל שומר ומציל זיין, פאר מענטשליכן בחנמדיקן האס... אזוי האט יחיאל איטשל גארבערס געקלערט ווען ער איז געשטאנען א דערשוויצטער און לאנגאטעמדיקער, נעבן דינהעס חברטעס און חברים.

דער טיף בלאער סאמעט פון די ווייט־ציענדיקע וואלדישע ראנדן און שפילעוודיקע שטנס און זוניקע ליכט, וואס האט זיך געשפיגעלט אויף די ווייס־קארעדיקע בזשאזע־ביימער אווו די מיידלאך האבן זיך אנגלעגט מיט א געמאכטן קאקעטישן רייץ, האט יחיאלן א ביסל בארויקט און גלייכצייטיק טיף אינזיך געצאפעלט ווי זיין מח וואלט זיך געבונטעוועט קעגן די נשמה און הארץ, פארוואס זיי פארשאפן אים אזויפיל ליבע צער אין געגנווארט פון מענטשן און נאטור שיינקייט... ערט גוט געוווסט אז דאס הארץ איז ניט באשאפן געווארן פאר גליק אין ממשותדיקן תוך... דאס טראכטן האט אים פארגרינגערט דעם צער, אומגערנווילים האט די איינזאמקייט אים געמאכט אסך דענקן כדי אים לייכטער מאכן דאס שווערע לעבן.

ווי נאר ער האט־דערכאפט דעם אטעם, האט ער דערזען ווי זיי לאזן אראפ די קעפ מיט צווייַדייטיקע שמייכלדיקע אויסדרוקן אויף זייערע פנימער, ווי א אינערליכע אומגעריכטע פריידקע סאטיספאקציע וואלט זיך געפאליעט אין זייערע קערפערס און זייערע גיריקע אויגן וואלטן וועלן זאגן : יעצט האט מע אים געפאקט... אוי, וועט מע אים דא פארשיטן... זיי האבן זיך טאקע געשושקעט און געסודעלט זאלבענאנד מיט אונטערטאנצענדיקע פרייד, זיי האבן געקוקט אויף אים מיט זייטיקע בליקן, ווי מע קוקט אויף א ביילויפנדיקן הונט, כדי ער זאל ניט דענקן אז מע האט אים דא ספעציעל אינזינען אדער מע בענקט נאך אים, אבער אומגערנווילים האבן זיך אלע אויסגעדרייט צו זיין זייט און געבליבן שטיין מיט א געמאכטע שרעק און דינטשיק בייזווילים שמייכלען און גלייכצייטיק אים אפגעמאסטן פון קאפ ביז די פיס מיט שווייגענדיקע פנימער, דער קליין געוויקסיקער שיעלע גליק האט פעסט א שטעל געטון דעם רעכטן פוס און מיט א געמאכטע אנגעשטרענגקייט, ערנסט מיט פינטעלדיקע אויגן, פאמעלעך א זאג געטון : פמממ... הממממ... ע, ע... דא האסט דו גארניט מיט גארניט צו זוכן... פארשטייסט ?... בליץ שנעל האט ער אויסגעדרייט זיין פנים צו דינהען, אזאג געגעבן שנעל ווי אין חלל אריין און דערביי אדריי געגעבן מיטן קאפ צו יחיאלס זייט : פשש... סהאט געזען אזא מאדנע מענטש...

זאל ער זיך גיין צו זיינע ביכער... הע הע... ע, ע... ווער דארף אים דא?... אזא חוצפה... געזען אזוינס... הא?...

דינה האט שיער ניט געפלאצט פאר חרפה, סע האט איר מער געארט פון דעם וואס דאס האט מער געבריט און באליידיקט אינערליך און אויסערליך חילן, ווי איר זעלבסט, זי איז שנעל צוגעלאפן צו יחיאלן און נערוועאיש שנעל אין אים אריינגערעדט: חיל, זע, איך אליין בין אזוי פריילידך, איך פיל עפעס ווי מלאכים וואלטן דורכגעדריבגט מיין נשמה און טאנצן מיט איר... אבער דער קליינגעוואקסיגער שיעלע האט אויך צעשטערט די דאזיקע פרייד אין מיין נשמה, ווען ערט אייך אזוי אונמענטשלאך באליידיקט. גייטס שוין, גייטס שוין... נעמט ניט זיך צום הארצן וואס אזא קליין מענטשעלע זאגט... זייט גרויסצוגיק און באפליגעלט אייך אינזיך מיט א שפילעוודיקע גוטמוטיקע מילדע וווילינגערישקייט, וועט איר באזיגן דעם גרעסטן מענטשליכן שונא, די גאווה... קומט! נו, קומט מיט אונדז... שיעלע האט לייכט און איראניש א שמייכל געטון זאגענדיק: אזוי גאר?... פריילין ריינעס! צו וואס רעגט איר זיך אזוי אויף, סע לוינט זיך ניט... איר פארט דאך סיי ווי סיי קיין לאנדאן און ווער ווייסט ווען מע וועט זיך נאך אמאל זען אין לעבן... נו, אויב איר ווילט דווקא אים דא האבן, נו, זאל ער זיך פארמיינסדאלבן אויך מיטשלעפן... דערביי האט ער זיך שעלמיש צעלאכט, ווי ער וואלט זיך געהאלטן פארן זיגער און דעה זאגער איבער די גאנצע חברה.

דינה האט זיך שיער ניט געעקט, ווען זי האט געזען ווי יחיאל דרייט זיך אויס מיט א שווייגענדיק פנים צום פעלדישן שליאך און מיט אראפגעבויגענעם קאפ איז ער אוועק פון די חברה, זי האט גוט תופס געווען זיין אינערליכן צושטאנד, נאך דערצו ביי אזעלכע מאדנע אנגעלעגנהייטן אין אנוועזנהייט פון ייִנגע שיינע מיידלאך. יא, נאכדערצו ווען א מיידל וואס ער ליבט אזוי שטארק און האט פאר איר דרך ארץ און ער סטארעט זיך צו ווייזן דאס בעסטע פון מענטשליכקייט, קומט אזא קריפל און פארשיט אלעס אוי, די מענער, די מענער... און אפשר גאר פראוויצירן מיר פרויען גאר דאס שלעכטע אין מאן...

דינה האט געשפרייזט שנעל, מיט איין האנט האט זי געהאלטן די צעפלאסענע האר, פון לייכטן וואלד ווינד, מיט די אנדערע האנט האט זי גערופן: חיל... חיל... ווארט אויף מיר... דער פארפיום פון אירע האר און דער פרילונג ריח פון פנים־פודער האט זיך אויסגעמישט מיטן ווילדן פעלדישן קארן ריח, אט א דאס האט נאך מער צערייצט איר בלוט, אירע אליוו־אפגעברענטע בעקלאך האבן זיך צערויטעלט און די נאזלעפלאך האבן ציטערדיק אריינגעזאפט אינזיך דעם זעפיר פון די לופט, זי איז אזש געווען בארוישט פון א עפעס וואס קיצעלט טיף אינדער נשמה. פאר אירע אויגן האט כסדר געשוועבט, לאנדאן, רוישנדיקע צוגן, שטעט מיט רויך נעפל גערויש און אסך מענטשן, הויכע שטאקיגע הייזער, פארשיעדענע קאלירן פון בגדים און דערביי האט איר א היק געטון אין הארצן א געדאנק: און אפשר פון דעם אלעם, וועט זי ארומוואנדערן אן איינזאמע א פארלאזטע און פארבענקטע נאך דעם אלעם וואס זי



זעט יעצט. דערעקיער איז ביי איר געווען, חיל... זי האט אים גיט געוואלט פארלירן אויף אייביק זי איז געווען אזוי פארטון טראכטנדיק, אז זי האט אפילו ניט באמערקט ווי צוויי קנעפלאך פון איר ווייס זיידענע בלוזקע האבן זיך אויפגעקנעפלט און א טייל פון איר שניי־ווייסער ביוסט האט זיך אנטהילט, זי האט אפילו אומגערנווילק אראפגעלאזט די אויגן צו די עטוואס אנטהילטע בריסטן און מיט א צעשמייכלטע אינזיך צופרידענקייט האט זי אקלער טון: אדראבע, זאל ער זען ווי מיין גוף לעכצט נאך אביסל צערטליכקייט, ליבע, קושן, זאל ער מיך באדאי פארשלעפן צווישן די באבלימעלטע קערנער און זאל מיט מיר טוען וואס ער וויל... הממ... איך ווייס אז כהאב ליב וזילן ווייל ער האסט מיך... אוי, הלוואי וואלט ער מיך געליבט, אפשר וואלט איך אים אויך אזוי געהאסט... און אפשר גאר האסט דערפאר אים מלכה?... וואס מענטשן קענען אלץ... הא הא... הממ... זי האט זיך גענומען אין דער האנט אריין און געוואלט מיט כח אויפהערן אריינטראכן אדער פאנטאזירן וועגן דעם אלעם, זי האט שנעל אנגעיאגט יחיאלן און מיט נערוועיאישע באוועגונגען דווקא געוואלט איבערצייגן אים און מאכן צוגארניט דעם קאנפליקט צווישן אים און שיעלע גליק. זי האט אים כסדר געקוקט אין די אויגן אריין און גערעדט מיט התפעלות, אזש די בלויליכע אדערן אויפן שלאנקן ווייסן האלדז, האבן כסדר פארגרעסערט זיך און געציטערט דערביי: חיל, הערט מיך און קומט צוריק... אז ניט ווייסט איר ניט אז אין דעם איז שולדיק מלכה שאפירא...

אוי, איר ווייסט גארניט וואס יינגע מיידלאך קענען! נו, ער שארט זיך אויך צו מלכהען... האט איר א געשעפט... וועט איר גיין צוזאמען מיט מיר מע וועט זיך פון זיי אפזונדערן... מירן שוין זען ער זאל באקומען זיין פסק... קומטזשע טאקע אזוי מיט מיר, זאלן זיי אלע צעפיקט ווערן, אוי, וועט דאס זיי קרענקן... יחיאל האט זיך אריס געטון פון זיין ארט און מיט א שוידער אינזיך גענטפערט דינהען: וואס טויג אסך צו רעדן... מע דארף אסך טראכטן, איר אלע רעדט צופיל, ווייל איר זענט ליידיק, איר זעט נאר דאס פראקטישע פון לעבן און זייט פארטון צופיל מיטן געדאנק, וויאזוי יענעם שלעכט טון, איר לאזט ניט קיינעם קריטיקירן ווייל אירט פסיכאלאגיש מורא פאר זיך... אייערע פיטשינקע מוחלאך קענען זיך ניט דערהויבן צו די שיינקייט פון לעבן, האס, באליידיקונג ערנידריקונג, גאווה, מוזן פירן צום אונטערגאנג...

דינה האט אים איבערהאקט די רייד מיט א ציטער אין איר שטימע: חיל, איר קענט דאך ניט משפטן א יחוד פאר א כלל און ווער מעשטיינס געזאגט זענען דאס די פיערזשניצער יוגנט? שלעכט ערצויגענע מענטשן, וואס דענעקן אז מיטן שלעכטן קומט מע צום גוטן... יחיאל האט אייליג געענטפערט דינהען: אבער יא, שלעכטקייט ביים מענטש איז א חיהשע איבערבלייבעכץ! אוי, דא גייט ניט אין דעם, דא גייט וועגן מענטשליכע בייזווייליקייט און וואספארא פאלגן אזא בייזווייליקייט ברענגט נאך זיך... הא, הא... וועגן דעם

א־שטעטל גייטס עס מיר? א, ניין איבער די גאנצע וועלט אוו עס זענען נאר דא שלעכטע מענטשן און מע באנוצט זיך מיט דעם ערגסטן וואס ס׳איז נאר דא אין מענטש, דאס הייסט מיט בייזוויליגקייט, מוז דאס פירן אויף וועגן צו חרבות... דינה, אירט זען ווי מעט אמאל ליידן... אלע פאר איינעם און איינער פאר אלע...

דינה האט א דערשראקענע געקוקט אויף יחיאלן און אים געבעטן ער זאל גיין מיט איר צוזאמען צו צו די חברה, יחיאל האט איר גארניט געענטפערט, ער האט געקוקט אויף איר מיט אפארבלייכט פנים, ווי א מאריאנעטן־פיערראל און די פיס האבן זיך כסדר ציטערדיק געוואקעלט. צום סוף פארן אוועקגיין האט ער געוואלט עפעס זאגן דינהען,אבער ער האט זיך געראנגעלגט מיט זיין ציטערדיקן שטיקענדיקן האלדז, וואס האט זיך אפגעזאצט ארויסצורעדן א ווארט, ערט געקוקט און ניט געזען, ערט געהערט און ניט געהערט די ווערטער, זיין אטעם איז געווארן שווער, ווי סע וואלט אים ווער געשטיקט. דינה האט געזען אז זי וועט מיט אים גארניט מאכן און ער איז שטארק פארביטערט אויף מענטשן בכלל, האט זי אים פארלאזט מיט א אומעטיק פארבענקטן באדויער און זי איז צוריקגעגאנגען צו די חברה מיט א אראפגעלאזטן קאפ און געקוקט אין זאמד אריין אוו עס זענען געווען צייכנס פון יחיאלס שוכס פיאטעס, א טיפער קרעכץ האט זיך אומגערנווויליג ארויסגעריסן פון איר הארץ, זי האט געקוקט צום דארפישן וועג און דערזען פון ווייטנס ווי פעסל יוסל וואלד שרייבערס טאכטער גייט אין וואלד אריין קלויבן יאַגדעס, זי דינה האט הויך א שריי געטון: העי, פעסעלע, פארוואס ביסט דו ניט געקומען צו מיין געזעגענען?...

פעסעלע האט זיך ניט געמאכט הערן און זיך ווייטער געגאנגען איבערן דארפישן גראזיקן שליאך וואס פירט צום וואלד, אונטער איר ארעם האט זי געהאלטן א קייבערל געפלאכטן פון ווייכסעל גראזן, אירע שיינע הויכע שלאנקע פיס זענען ניט געווען באשוכט, אירע האניק בלאנדע האר זענען געווען צעלאזט, איר פנים איז צעשמייכעלט און קוקנדיק צום בלוויליכן וואלדישן ראנד האט זי א זינגענדיקע געשפרייזט שנעל אזוי אז דער ווינד האט צייטנווייס אויפגעדעקט איר באבלימלט קלייד ווי זי וואלט ווייזן פארן פעלד, וואלד, טייך, וואספארא הערליכן ווייסן שלאנקן גוף זי האט, און אפשר האט זי דערשמעקט אז חיל איטשעל גארבערס איז ערגעץ דא צווישן די בליענדיקע קערנער, זי בענקט אזוי נאך חילן, הערן אים רעדן, זינגען פאר אים דארפישע לידלאך און שפילן פאר אים אויף די מאנדאלין, יא, אייביק וואלט זי געוועזן מיט אים, דווקא ווייל דינה חיים ריינעסעס טאכטער געפעלט דאס ניט, מלכה שאפירא און קריינדל דעם מילנערס האבן זי אמאל אפגעשטעלט אינמיטן פיערזשניצער מארק אין א יאריד טאג און זי געפרעגט: זאג נאר פעסל! אוו קומסט דו צו אזא געלערנטן בחור ווי חיל איטשעלס?... אפשר צוליב דעם האט זי אזוי שטארק ליב חילן און בענקט נאך אים.



ה. פאצאנאווסקי

## אויף דעם בית-עולים

שטייען מצבות
גלייך, און געבויגן,
ליגן דארט מתים
שוין פון יארן פערפלויגן.

בלאָזט, אַ־ווינטל,
שאקלען זיך די צווייגן,
מתים, ווייסן נישט, פון קיין פרייד,
און אויך נישט קיין ליידן.

אבער ווו זענען די קברים פון מיין מאמע, שוועסטער, ברודער,
דאס ווייסט קיינער,
מעגליך האט מען געמאכט זייף —
אדער אנדערע פראדוקטן, פון זייער פלייש, און ביינער?

מיין מוח, ער ברענט,
טרערן גיסן זיך, פון מיינע אויגן,
איך שטיי, צו די ערד,
מיט מיין קאפ, געבויגן.

אין פון הארצן, רייסט זיך ארויס אַ קללה,
איך וויל די גאנצע, וועלט זאל דאס הערן:
פערשאלטן זאל אַזאַ פאלק,
און אַ אזא, לאנד ווערן,

וואס האט געזאָגט —
זיי וועלן נישט זיין צו פרידן,
ביז, זיי וועלן אויסשעכטן
די גאנצע וועלט יידן.

גאָט, שיק אויף זיי אַראָפּ —
דיינע דונערן, בליצן, רעגן, און ווינד,
זאל פון זיי נישט בלייבן,
קיין, מאן, פרוי, און קינד.

זאלן די יללות, פון די זעקס מיליאן קדושים
שטענדיג קלינגען און זייערע אויערן,
זאל אזא פאלק אונטערגיין
אין קיינמל נישט ווערן, געבוירן.

י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים

(ה)

די יידן אונטער דער אָנפירונג פון בית המקדש אין ירושלים, און די כותים אָדער שומרונים, ווי זיי האָבן זיך אָנגערופן, אונטער דער אָנפירונג פון זייער בית המקדש אויפן הר גריזים זענען געוואָרן אָפּגעפרעמדט איינע פון די אַנדערע, ווי עזרא האָט געוואָלט, הגם ביידע האָבן אָפּגעהיטן די געזעצן פון תורת משה. אָבער דערמיט האָט ניט גענומען קיין סוף צום דריטן קולטור קאַמף אין דער יידישער געשיכטע, וועלכער איז אַנטשטאַנען ווייל עזרא האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף די יידן פון ישוב דעם איזאָלאַציע געזעץ, וואָס דניאל האָט פאַרפאַסט, כדי אויפצוהאַלטן די יידן אין גלות.

נאָכן אומקום פון עזרא האָט דער יידישער ישוב אין ארץ ישראל ווידער אויפגענומען גרים, און שפּעטער האָבן די חשמונאים אפילו די אדומים, דאָס פאָלק וואָס דער נביא אחיה השילוני האָט אַריינגערעכנט צווישן די פאַרבאָטענע פעלקער, געצווּנגען צו ווערן יידן. (מלכים א. י״א, פלאַוויוס „דער אַלטערטום פון די יידן“ בוך 13, קאַפּ. 9, פאַר. 1). די מנהיגים פון ישוב, די כהנים פון הויז יהוצדק האָבן געוואָלט אַז די יידן זאָלן ווערן אַ גרויס פאָלק דורך אַסימילירן די אַרומיקע פעלקער. די קנאישע טעטיקייט פון עזרא איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן אַ שעדליכע פאַרן יידישן קיום, זיי זענען ניט בכח געווען צו באַקעמפן אים ווייל דער מלך ארתחשסתא האָט אים אונטערשטיצט, דערפאַר איז עזרא אין דער געשיכטע פון ישוב ניט פאַראייביקט געוואָרן, זיין נאָמען ווערט ניט דערמאָנט אין די כתובים אחרונים צווישן די מנהיגים פון ישוב אין דער דעמאָלטיקער צייט.

בן סירא האָט פאַרצייכנט אין זיין ספר אַלע נעמען פון די דעמאָלטיקע מנהי־גים, און צווישן זיי געפינט זיך נישט דער נאָמען פון עזרא הסופר. ער שרייבט: „ווער קאָן אויסרעכענען די לויב פון זרובבל, ער איז געווען ווי אַ זיגלרינג אויף דער רעכטער האַנט און נעבן אים יהושע בן יהוצדק, ביידע האָבן צוזאַמען געבויט דאָס הויז פון אַלמעכטיקן און אויפגעשטעלט דעם היכל פון שטענדיקער פראַכט. צווישן די אויסדערווײלטע שטראַלט ארויס דער נאמען פון נחמיה אויף אייביק, ער האט צורעכט געמאכט די צעשטערטע מויערן, אריינגעזעצט אין זיי טויערן און ריגלען און אויפגעבויעט הייזער צו וווינען“. (בן סירא מ״ט, י״ג־ט״ו) אויך אין חשמונאים־ב׳. ווערט נחמיה דערמאנט, ניט עזרא, דארט שטייט: „איר זאלט פראווען חנוכה אכט טעג אזוי ווי דער יום טוב סוכות איז געפראוועט געווארן אין דער צייט ווען נחמיה האט צוריק געפינען דאס הייליקע פייער פון מזבח“... (חשמונאים־ב. א׳) און אפילו אין ספר נחמיה, וואס איז דער טאגבוך פון די דעמאלטיקע געשעענישן, האט מען פארשריבן



דעם נאמען פון עזרא נאך דעם נאמען פון נחמיה — „ויאמר נחמיה התרשתא ועזרא הכהן הסופר“ (נחמיה ח׳).

אז די איינציקע טעטיקייט פון עזרא הסופר אין ארץ ישראל איז געווען, וואס ער האט געצווינגען די יידן פון ישוב צו פארלאזן זייערע ווייבער — די טעכטער פון די כותאישע גרים אדער שומרונים, ווייזט זיך אויך ארויס פון זיין אייגנעם ספר. דער ספר עזרא אנטהאלט צען קאפיטלעך, אכט פון זיי זענען געשריבן געווארן פון אן אנאנימען מחבר און א טייל פון זייער אינהאלט איז אן איבערחזרונג פון וואס עס געפינט זיך אין ספר נחמיה, בלויז צוויי קאפיטלעך — ח׳ און ט׳ זענען געשריבן געווארן פון עזרא הסופר. אין די צוויי קאפיטלעך דערציילט ער, אז בעת דער רעגירונג פון מלך ארתחשסתא איז ער אויפגע־גאנגען פון בבל קיין ירושלים מיט לערך פופצן הונדערט יחסנים, ער באשרייבט אלע געשעענישן פון וועג ביז ער איז אנגעקומען, און אז ער האט געהאט איבערגעגעבן די מתנות פארן בית המקדש צו די כהנים, ווי אויך די רעקאמענ־דאציע בריוו פון מלך צו די מיליטערישע אויפזעער, זענען געקומען צו אים די הויפטלייט מיט דער שלעכטער בשורה, אז דאס פאלק ישראל מיט די כהנים און לוים האבן זיך ניט אפגעשיידט פון די איינגעבוירענע פעלקער... (עזרא ח׳ און ט׳) און די אלטע היסטאריקער זענען טאקי געקומען צום אויספיר, אז די צוטיילונג פון ישוב אין צוויי איז געווען די איינציקע טעטיקייט פון עזרא הסופר אין ארץ ישראל. (פלאוויוס „דער אלטערטום פון די יידן“ בוך 12, קאפ. 5, פאר. 4 און סדר עולם רבה סוף פכ״ט).

אמת אין די תלמודים און מדרשים איז עזרא הסופר דערהויבן געווארן צו דער מדרגה פון גרעסטן מנהיג און מחוקק וואס דאס יידישע פאלק האט געהאט אין משך פון דער געשיכטע. רבי יוסי באהויפטעט, אז עזרא איז ראוי געווען מען זאל דורך אים געבן די תורה צום יידישן פאלק אויב דער דור פון משה רבינו וואלט איר ניט געהאט מקבל געווען, און הגם די תורה איז ניט געגעבן געווארן דורך אים האט ער פארענדערט איר כתב, פון דעם עברישער אדער פעניצישער שריפט אויף דעם אשורישן כתב. (סנהדרין כ״א) דער צוריקקער פון גלות בבל ווערט גערעכענט פון עזרא׳ס קומען נאך ירושלים, ניט פון זרובבל׳ס קומען. (ערכין ל״ב) מחמת עס איז ניט מעגלעך געווען פעסטצושטעלן ווען דער נביא מלאכי האט נביאות געזאגט, האבן די חכמי התלמוד אנגענומען אז מלאכי איז געווען עזרא. (מגילה ט״ו) אין די פיר און צוואנציק ספרים פון תנ״ך האט מען דעם ספר נחמיה אריינגענומען אזוי ווי ער וואלט געווען א טייל פון ספר עזרא, און מען האט אויסגעזוכט חטאים אויף נחמיה׳ן כדי צו פארענטפערן, פארוואס זיין ספר ווערט ניט גערעכנט באזונדער. (סנהדרין צ״ג.)

אבער עזרא הסופר האט איבערגעלאזט נאך א ספר צווישן די אפאקריפן, וועט דערפאר זיין ריכטיק אנצונעמען אז ער איז דערהויבן געווארן צו דער מדרגה פון גרעסטן מנהיג און מחוקק אונטער דער השפעה פון דעם צווייטן ספר. דער אפאקריפישער ספר פון עזרא איז געשריבן געווארן אין סיגנון פון ספר דניאל, און אזוי ווי ער וואלט געווען א המשך פון אים. דער ספר אנטהאלט

זעכצן קאפיטלעך מיט אנטפלעקונגען פון מלאכים און זייערע ענטפערס אויף זיינע פראגן וועגן קומען פון דעם „כבר אנש״: ווי א מענטשנזון הימלישער משיח, תחית המתים, און דער לעצטער יום הדין. עזרא זאגט אין דעם ספר, אז אים האבן די מלאכים אויסגעטייטשט זעאונגען, וואס אפילו צו זיין ברודער דניאל זענען זיי ניט דערקלערט געווארן. (עזרא־2. קאפ. 12) ער דערציילט אויך א דראמאטישע געשיכטע וועגן זיין צוריק ברענגען די תורה צום יידישן פאלק. דער תמצית דערפון איז — מען זאל האבן געהאט די תורה פארברענט, זענען אלע ארומגעגאנגען אין דער פינסטערניש ווייל זיי האבן ניט געוווסט ווי אזוי צו דינען דעם אלמעכטיקן. האט ער גענומען פינף סופרים, איז מיט זיי געזעסן פירציק טעג און נעכט און וואס מען האט אים געזאגט פון הימעל האבן זיי אויפגעשריבן. דאך ניט אלעס איז אים דערלויבט געווארן צו לערנען דאס פאלק, א דריטעל פון דער תורה האט ער אליין צו די חכמים געמעגט איבער־געבן. (עזרא־2. קאפ. 14) אחוץ דעם געפינען זיך אין דעם ספר זער א סך תפלות צונויפגעשטעלט פון תנ״כשע פסוקים, וואס זענען קענטיק געווען דער מאדעל פאר די שפעטערדיקע פארפאסער פון תפלות.

עס איז קיין ספק ניט, אז עזרא׳ס אנהענגער האבן נאך זיין אומקום פאר־הייליגט דעם העברעאישן אדער ארמישן אריגינאל פון אפאקריפישן ספר עזרא, און פון די פאראויסזעאונגען אין דעם ספר, וועגן קומען פון הימלישן גואל, תחית המתים און אזוי ווייטער איז פארפאסט געווארן דער ערשטער טייל פון די שמונה עשרה, ווי די גמרא זאגט: „די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען ברכות, תפלות, קדושות און הבדלות״. (ברכות ל״ג) די כהנים פון הויז יהוצדק האבן אבער ניט אריינגערעכענט דעם צווייטן ספר פון עזרא צווישן די כתבי הקודש, און אויך ניט אנגענומען די תפלות, וואס עזרא׳ס אנהענגער אדער די אנשי כנסת הגדולה האבן פארפאסט, ערשט נאכן חורבן האט שמעון הפקולי מסדר געווען די שמונה עשרה פאר רבן גמליאל אין דער ישיבה פון יבנה. (מגילה י״ח) מען מוז דעריבער אננעמען, אז די נאכפאלגער פון עזרא׳ס אנהענ־גער זענען געווען די סעקטע ביתוסים אדער איסים, וואס האבן זיך איזאלירט פון ישוב און דורך זיי זענען געקומען די מסורות צו די שפעטערדיקע חכמי התלמוד וועגן עזרא הסופר און די אנשי כנסת הגדולה.

די בייתוסים אדער איסים האבן אויפגעהיטן דעם אפאקריפישן ספר עזרא, און מחבר געווען א ריי אנדערע ספרים, ווי דער ספר חנוך און ספר היובלים, וואס אנטהאלטן אזוי ווי דער ספר דניאל און דער אפאקריפישער עזרא דערציי־לונגען וועגן מלחמות צווישן גוטע און שלעכטע מלאכים, וואס וועלן זיך ענדיקן מיטן קומען פון א הימלישן משיח, תחית המתים און לעצטן יום הדין. זיי האבן געלעבט אין קאמונע און עס האט זיי ניט אינטערעסירט דער וועלטש־טאנד פון לאנד. באניצן שווערדן, שפיזן אדער פיילבויגענס האבן זיי זיך ניט געלערנט, און ווען א שונא איז באפאלן זייער לאנד האבן זיי אויסגעשטרעקט די העלזער צו זיין מעסער, ווייל לויט זייער גלויבן איז דאס געווען א שטראף פון הימעל, אפצוקומען פאר זינד. און אנשטאט די עבודה אין בית המקדש האבן



זיי געדאווענט דריי מאל אין טאג, ווי אויך זיך פארטיפט אין די סודות פון דער תורה. (פילון היהודי „כתות מני קדם״).

נאך מער עס איז פאראנען א מיינונג אין דער גמרא, אז עזרא זאל האבן געלערנט שרייבן ספרי תורות און אויסטייטשן דעם אינהאלט אין דער סופרים ישיבה פון ברוך בן נריה, דער תלמיד פון ירמיה הנביא און דער סופר פון זיינע נביאות. אזוי לאנג ווי די ישיבה האט עקזיסטירט איז עזרא געבליבן אין פרס ומדי און ניט געוואלט אויפגיין נאך ירושלים, ווייל אין דער ישיבה האט מען געפסקנט אז תורה לערנען איז א גרעסערע מצוה ווי אפילו בויען דעם בית המקדש. (מגילה ט״ז) די הלכה פון ברוך בן נריה איז געווען אין קאנטראדיקציע מיט דעם, וואס ירמיה האט געזאגט אין זיין איכה עלעגיע — „בגוים אין תורה גם נביאיה לא מצאו חזון״: צווישן די גוים אין גלות פסקנט מען ניט, אפילו אירע נביאים געפינען ניט קיין באשייד. (איכה ב׳ רש״י) ווי אויך אין התנגדות מיט ירמיה׳ס קאנצעפציע וועגן שיבת ציון: עס איז אנצונעמען, ווען ירמיה האט געהערט אז זיין תלמיד ברוך בן נריה באנוצט דעם אויסרייד פון תורה לערנען כדי צו בארעכטיקן דעם פארבלייב אין גלות, האבן זיך ארויסגעריסן פון זיין מויל די ווייטער ציטירטע הארבע ווערטער. — „מדוע שובבה העם הזה: פארוואס האט זיך אפגעקערט דאס פאלק פון ירושלים אן אייביקע אפקע־רונג? זיי האלטן זיך אויף מיט אפנארעריי, זיי ווילן ניט צוריקקערן... ווי קענט איר זאגן, חכמים זענען מיר און די תורה פון אלמעכטיקן איז מיט אונז, ווען אין אמתן האט איר זי פארפעלשט מיט א פאלשער פען פון סופרים. (ירמיה ח׳) און קענטלעך דערפאר האט ירמיה געהאלטן אז ברוך בן נריה איז ניט ראוי צו ווערן א נביא. (ירמיה מ״ה, מכילתא מסכתא דפסחא סוף פתיחתא, רמב״ם „מורה נבוכים״ חלק ב׳ פל״ב).

אבער די חכמים פון גלות האבן ניט גענומען אין אכט די הארבע ווערטער פון ירמיה הנביא: ברוך בן נריה האט מיט זיין הלכה, אז תורה לערנען איז א גרעסערע מצוה ווי בויען דעם בית המקדש, געלייגט דעם יסוד פון א גלות אידעאלאגיע. דערנאך איז געקומען דניאל מיט זיינע חלומות, וועגן א הימלישן משיח, תחית המתים, יום הדין און איזאלאציע, כדי צו געבן אן אינהאלט אדער ציל צו דער גלות אידעאלאגיע. און עזרא האט די אידעאלאגיע, וואס די ערשטע חכמים האבן אויסגעטראכט אויפצוהאלטן די יידן אין גלות, ארויפגעצווינגען אויף די יידן אין ארץ ישראל. עזרא׳ן האט בלויז אינטערעסירט די מיסטישע אינטערפרעטאציע פון דער יידישער רעליגיע, ניט די נאציאנאלע, ער האט פארטריבן פון ישוב די טעכטער פון די כותאישע גרים כדי די „זרע הקודש״ פון דער יידישער ראסע זאל זיך ניט ארויסמישן מיט די אומווערדיקע פעלקער פון ארץ ישראל, (עזרא ט׳) און וואס די פרעמדע מאמעס וועלן דערציען די קינדער אין פרעמדע קולטורן און שפראכן האט אים ניט געארט, ווי מען זעט, פון דער ווייטערדיקער ציטירונג, האט ער אפילו געוואלט אומבייטן דעם העב־רעאישן לשון אויף ארמיש.

די גמרא זאגט: ביז צו דער צייט פון עזרא איז תורת משה געשריבן

געוואָרן אין דער עבריש־פעניצישער שריפט און אין לשון קודש, און עזרא הסופר האט פארענדערט די שריפט אויף דעם אשורישן כתב און דעם לשון אויף דער ארמישער שפראך, כדי די יידן אין ארץ ישראל זאלן שרייבן און רעדן אזוי ווי די יידן אין גלות. (ירושלמי מגילה פ״א הי״א, בבלי סנהדרין כ״א) נחמיה האט אויך געצווינגען די יידן פון ארץ ישראל זיך אפצושיידן פון די כותאישע גרים, דאך איז דער מאטיוו פון נחמיה געווען א נאציאנאלער, ניט א מיסטישער: נחמיה האט געזען אז די קינדער פון די געמישטע חתונות רעדן פרעמדע שפראכן, ניט דעם יהודישן לשון — ניט העברעאיש. (נחמיה י״ג) דער רמב״ם באהויפטעט, אז די יידן האבן אין גלות אריינגענומען אין זייער שפראך זער א סך ווערטער פון די פרעמדע שפראכן, וואס מען האט גערעדט אין די לענדער ווו זיי האבן געוווינט, ווי נחמיה האט געזאגט: „ובניהם חצי מדבר אשדודית ואינם מכירים לדבר יהודית״ — זיי האבן גערעדט א זשארגאָן און ניט געקאנט רעדן יהודית. דערפאר ווען איינער האט געדאווענט, געבעטן אדער געלויבט דעם אלמעכטיקן האבן אים אויסגעפעלט ווערטער. האט עזרא און זיין בית דין מתקן געווען די שמונה עשרה, כדי די מיט דעם פארפלאנטערטן לשון זאלן קאנען מתפלל זיין ווי די ריין שפראכיקע זענען מתפלל. (משנה תורה הלכות תפלה פ״א־ד׳).

אבער פון נחמיה ווייזט זיך בפירוש ארויס אז די קינדער האבן איבערגענומען די פרעמדע שפראכן פון זייערע מאמעס אין ארץ ישראל, ניט פון די פעלקער אין גלות. (נחמיה י״ג) אחוץ דעם איז דער אויספיר אין גמרא, אז די שמונה עשרה זענען פארגעסן געווארן און שמעון הפקולי האט זיי עטליכע יאר נאכן חורבן ווידער מסדר געווען אין דער ישיבה פון יבנה. (מגילה י״ח) דער היסטארישער אמת איז דעריבער, אז דניאל אדער אן אנדערער פון די ערשטע חכמים האט אין פרס ומדי מתקן געווען צו זאגן די שמונה עשרה דריי מאל אין טאג אנשטאט די קרבנות, וואס די יידן האבן מקריב געווען אין בית המקדש. (ברכות כ״ו און זהר תצוה) און מחמת די יידן וואס זענען צוריק געקומען נאך ארץ ישראל און אויפגעבויעט דעם בית המקדש האבן ניט געזאגט די שמונה עשרה, איז די תפלה פארגעסן געווארן. אבער די ביתוסים, וואס זענען געווען קעגן דער עבודה אין בית המקדש, האבן אויפגעהיטן די תפלה, און פון זיי האט שמעון הפקולי נאכן חורבן, ווייל עס איז ניט געווען דער בית המקדש, איבערגענומען די שמונה עשרה כדי מען זאל זיי זאגן דריי מאל אין טאג אנשטאט — קרבנות ברענגען.

פון די חילוקי דעות צווישן די כהנים פון הויז יהוצדק, וואס זענען געווען די מנהיגים פון ישוב אין ארץ ישראל, און דעם גלות מנהיג עזרא הסופר, ווי אויך צווישן זיי און נחמיה, האבן זיך אויסקריסטאליזירט דריי קעגנשטרייטיקע אידעאלאגיעסביים יידישן פאלק, וואס זענען געווען די סיבה פון א ווייטערדיקן קולטור קאמף. די כהנים פון הויז יהוצדק האבן פארוואָרפן די הלכה פון ברוך בן נריה, אז תורה לערנען איז א גרעסערע מצוה ווי בויען דעם בית המקדש, ווען כורש מלך פרס האט דערלויבט די יידן פון זיין מדינה צוריק צו קערן אין



זייער היימלאנד איז יהושע בן יהוצדק געווען איינער פון די צוויי מנהיגים וואס האבן פארלאזט דעם גלות, ווייל ער האט געהאלטן אז אין ארץ ישראל איז אפילו ערד ארבעט א גרעסערע מצוה ווי תורה לערנען, און שפעטער האבן טאקי די חכמי התלמוד אנגענומען להלכה אזוי ווי רבי ישמעאל האט געזאגט, אז דער „ואספת דגנך״ איז פריער פארן „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך״. (ברכות ל״ה) די כהנים פון הויז יהוצדק האבן אויך ניט געגלויבט אין די חלומות פון דניאל, וועגן א הימלישן משיח מיט א תחית המתים און א לעצטן יום הדין, ווייל די חלומות זענען געווען אין סתירה מיט די פאראויסזעאונג פון ישעיה הנביא אז כורש וועט זיין דער משיח און דאס וועט זיין די גאולה. און די כהנים פון הויז יהוצדק האבן געקעמפט קעגן עזרא׳ן, ווען ער איז געקומען נאך ירושלים כדי ארויף צו צווינגען מיט דער הילף פון מלך ארתחשסתא די איזאלאציע געזעצן וואס דניאל האט איינגעפירט אין גלות, ווייל זייער נאציאנאלע באוווסטזיניקייט איז געווען אזוי שטארק אז זיי האבן ניט קיין מורא געהאט צו עפענען זייערע היימען פאר די ניט־יידישע איינוווינער פון זייער לאנד. זייערע נאכפאלגער זענען געווען די צדוקים, וואס האבן געשטרעבט צו מאכן פון די יידן א גרויס פאלק אין לאנד פון זייערע אבות.

עזרא הסופר האט אנגענומען די הלכה פון ברוך בן נריה, אז תורה לערנען איז א גרעסערע מצוה ווי בויען דעם בית המקדש. ער האט טאקי ניט געוואלט אויפגיין נאך ירושלים בעת דער בית המקדש איז געבויעט געווארן, מען געפינט אויך ניט אין זיין ספר אדער אין ספר נחמיה, אז ווען ער איז געקומען נאך ירושלים זאל ער האבן עפעס געטוען פאר דער עבודה אין בית המקדש, אחוץ פון איבערגעבן די מתנות וואס מען האט געשיקט פון בבל פארן בית המקדש. און נאכן אויסגעפינען אין תורת משה אז מען מוז פייערן אין זיבעטן חדש דעם חג הסוכות, דערמאנט ער ניט אז מען דארף אויך ברענגען קרבנות און דאס פאלק האט געפייערט דעם חג הסוכות אנע קרבנות, וואס איז ניט געמאכט געווארן זינט יהושע בן נון — זינט דאס פאלק ישראל איז געקומען אין לאנד אריין. (נחמיה ח׳) עזרא האט אויך געגלויבט אין די חלומות פון דניאל, וועגן קומען פון א הימלישן משיח, מיט א תחית המתים און א לעצטן יום הדין, ווי מען זעט דאס פון דעם אפאקריפישן ספר עזרא, און די שמונה עשרה וואס זיינע רבי׳ס אדער זיינע חסידים האבן פארפאסט צו זאגן במקום קרבנות. און עזרא׳ן האט ניט אינטערעסירט דער עולם הזה — די נאציאנאלע עקספאנסיע אדער פיזישע פארמערונג פון יידישן פאלק, אליין עולם הבא האט ער אין זינען געהאט, ער איז געקומען מיט זיין ארמיי יחסנים כדי ארויף צו צווינגען אויפן ישוב די גלות תורה פון איזאלאציע: צו פארשליסן די יידישע הייזער עס זאל ניט אריינדרינגען אין זיי פרעמדע אומרייניקייט, ווייל ער און זיינע אנהענגער האבן געגלויבט אז אזוי לאנג ווי דער הימלישער משיח איז ניט געקומען און אויסגעלייזט די וועלט פון איר זינד דארף מען באטראכטן ארץ ישראל ווי א גלות לאנד. די נאכפאלגער פון עזרא הסופר און זיינע אנהענגער זענען געווען די ביתוסים אדער איסים, פון זייער מיסטישע קאנצעפציע האט זיך

אנטוויקעלט דאס קריסטענטום, ווי מען זעט דאס פון דעם אפאקריפישן ספר עזרא, וואס די קריסטליכע טעאלאגן האבן איבערגענומען פון די ביתוסים און אין אים צוגעשריבן, אז עזרא האט פאראויסגעזאגט דאס קומען פון ישו הנוצרי. (עזרא־2. קאפ. 1 און 7.)

נחמיה איז געווען א נאציאנאל־רעליגיעזער ייד, ווען די שליחים פון ישוב האבן אים דערציילט אז די יידן געפינען זיך אין א שלעכטע און חרפהדיקע לאגע, האט ער געבעטן אורלויב פון מלך ארתחשסתא און ער איז געקומען נאך ירושלים צו העלפן זיי. ער האט אויפגעבויעט די חרובע מויערן און הייזער פון ירושלים, געשאפן א יידישע ארמיי צו פארטיידיקן די ארבעטער קעגן די אנפאלן פון די כותאים אדער שומרונים, און ווי די נביאים איז ער אויפגעשטאנען קעגן די רייכע יידן וואס האבן עקספלואטירט זייערע ארימע ברידער. ער האט אויך געזען אז דאס פאלק זאל לעבן לויט די געזעצן פון תורת משה, ניט האנדלען אין שבת, אויסהאלטן דעם בית המקדש, געבן תרומות און מעשרות צו די כהנים און לוים, כדי די עבודה אין בית המקדש זאל געטוען ווערן אזוי ווי תורת משה האט געבאטן. אבער מחמת נחמיה איז געבוירן און דערצויגן געווארן אין פרס ומדי האט אים עזרא הסופר באאיינפלוסט ער זאל ארויפצווינגען דעם איזאלאציע געזעץ אויפן ישוב פון ארץ ישראל, וואס דניאל האט פארפאסט פארן גלות יידענטום, און הגם דער מאטיוו פון נחמיה׳ס אננעמען דעם איזאלאציע געזעץ איז געווען א קולטורעלער, דאך האט דער געזעץ צעשפליטערט זיינע אנהענגער. די נאכפאלגער פון נחמיה זענען געווען די פרושים, אין ווענעמס רייען עס איז שטענדיק פארגעקומען מחלוקת און שפאלטונגען צווישן די אנהענגער פון נחמיה׳ס נאציאנאל־רעליגיעזער קאנצעפציע און די אנהענגער פון דער מיסטיש־רעליגיעזער קאנצעפציע. וואס האט געפירט דערצו, אז אין צייט פון נויט האבן א טייל פון זיי מקריב געווען זייער לעבן אין קאמף פארן דער זעלבסטשטענדיקייט פון זייער לאנד און א טייל פון זיי זענען איבערגעלאפן צום שונא.

## בר־כוכבא נאראד

## דאס הויז נאראדיצקי

(א רעפעראַט געהאַלטן אין „דזשואיש־רידינג־רום״)

חשובע מאדאם טשעירמאן, דאמען און הערן!

ווען פרוי דאניאך האט מיך איינגעלאדן דא צו האלטן א רעפעראט איבער „נאראד־פרעס, לאנדאן—תל־אביב״, האב איך מיך איבער אט דער טעמע נישט פיל פארטראכט. שפעטער אבער איז מיר איינגעפאלן, אז א פיל פאסיקער טיטל פאר דעם רעפעראט וואלט געווען „נאראדיצקי, זשיטאמיר — לאנדאן — תל־אביב״!

פון די אלע ספורים מבית־אבא, באציט זיך דער עלטסטער ספור אויפן יאר 1890, ווען דער דעמאלטיקער ישיבה־בחור נאראדיצקי מיט זיין בוזעם־



פריינט חיים נחמן ביאליק האבן צוזאמען געטרוימט און געשטרעבט צו דערלעבן צו זעען עברית ווי א לעבעדיק לשון. צוזאמען האבן זיי געהאפט אויף פאלעסטינע, ווי דאס לאנד האט דעמאלט געהייסן, אז עס וועט אינגיכן ווערן א יידישע מלוכה.

אין יאר 1891 האט נאראדיצקי צוזאמען מיט בערטא פלעקסער ארויסגעגעבן א יידיש בוך, וואס האט זיך גערופן „דאס הייליקע לאנד״. די באטייליקטע אין אט דעם בוך זענען געווען די דעמאלטיקע ליטערעריש־יידישע גדולים, און די דאזיקע ערשטע אויסגאבע נאראדיצקיס, וואס איז צו דער צייט געווען א בחור פון בלויז זיבעצן יאר, איז געווען א סענסאציע אין דער גאנצער יידיש־רעדנדיקער וועלט *. ווידער האט נאראדיצקי געקוקט מיט בענקשאפט ממרחקים אויף יענעם לאנד, וועלכעס איז דעמאלט געווען באהערשט פון מאלאריע־זומפן און אומפרוכטבארקייט; א באשטאנדטייל פון דער אטאמאן־אימפעריע, אונטער דער ממשלה פון די טערקן. עס איז אים איינגעפאלן א דערשטוינענדיק־פשוטער פלאן: ער וועט זוכן אפצוקויפן אט דאס דאזיקע פארוויסט שטיק לאנד, וואס פאר די טערקן אליין אפילו איז אויך געווען ווי א לאסט. עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז פאר 2,000,000 לי״ש (צוויי מיליאן פונט) וואלטן זיי מסתמא געווען גרייט צו מאכן א מסחר.

דאס פראבלעם אבער איז געווען פונוואנען זאל א זשיטאמירער ישיבה־בחור, וועמען גאנץ פארמעגן האט ווארשיינלעך נישט באטראפן מער ווי 20 רובל, נעמען אזא געוואלטיקע סומע ווי צוויי מיליאן ענגלישע פונט?! היות מענטשן זענען דעמאלט מאסנווייז געלאפן קיין דרום־אפריקע זוכן גאלד, האט נאראדיצקי דערין געזען א לייזונג צום פראבלעם זיינעם. אויך ער וועט אוועק קיין זיד־אפריקע און זוכן גאלד און — פרעסטא! — דאס פראבלעם איז געלייזט. פאלעסטינע וועט זיין אונזערס. אט אזוי האט ער אויסגעוואנדערט און געקומען קיין לאנדאן — זיין ערשטער אפשטעל־פונקט אויף דער בהדרגהדיקער נסיעה קיין אפריקע.

לאנדאן, די מעטראפאליע פון דער וועלט האט נאראדיצקין פארכשופט. ווייטשעפל האט אים געהאלטן ווי מיט מאגיק, און אין אט דעם יידישן ווייטשעפל האט ער באשלאסן צו נעמען אויף זיך אן אנדערע שליחות, אזוי, אז פון זיין ערשטן אידעאליסטישן טרוים איז גארנישט געווארן.

עס קלינגט ממש איראניש, אז צוליב דעם וואס זיין ערשטער טרוים האט זיך קלינגט ממש איראניש, אז צוליב דעם וואס זיין ערשטער טרוים האט זיך נישט פארווירקלעכט פארלאנגט מען היינט־צו־טאג פון אונז, ענגלישע יידן, זיך יערלעך צו באשטייערן אויף £2,000,000 לטובת דעם פארייניקסטן פאלעסטינע אפיל; אייגנטלעך די זעלביקע סומע, מיט וועלכער אים האט זיך אויסגעדוכט מען וועט קענען אפקויפן גאנץ פאלעסטינע אויף ביידע זייטן ירדן אין די ניינציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט.

די נעכסטע איניקע יאר האבן געזען די גרינדונג פון א קליינער, פרימי־

* אין י. ל. פרצעס בוך פובליציסטיק איז דאָ אַ גרעסערע עסיי דעראיבער.—ד.ר.

טיוּער דרוקעריי, מיט א פּעדאלן־מאשין און אן ערך צוואנציק קעסטלעך זאץ. פון אט דעם באשיידענעם אנהויב אויף מייל־ענד ראוד, 48, האט גענומען וואקסן דער שם פון נאראדיצקי דעם דרוקער און פארלעגער פון רבנישע ספרים, העברעאישע און יידישע ביכער איבער גאנץ אייראפּע. פון אמעריקע און אפילו אינדיען זענען אנגעקומען נאכפראגעס בנוגע דרוקן העברעאישע און יידישע זאכן. די ארבעט, וואס מען האט ארויסגעגעבן, איז געווען פון הויכן ניווא, און אט דער ניווא איז געווען דער עיקר, נישט דער פּרייז. עס זענען טאקע געווען פאלן ווען מען האט אונז די חשבונות נישט געסילוקט...

און אזוי קומען מיר צום יאר 1907, א זער וויכטיקע דאטע אינם קאלענדאר — עס איז געווען די תקופת־ברענער. אין א גרויסער מאס איז עס יוסף חיים ברענערס פארדינסט וואס עברית איז געווארן א לעבעדיק לשון. איז ער דאך געווען דער רעדאקטאר און, צוזאמען מיט נאראדיצקין, ארויסגעבער פון דעם וויכטיקן און אפשר איינציקן העברעאישן זשורנאל דעמאלט — המעורר.

אט דער המעורר האט ארויסגערופן ענטוזיאזם און באוואונדערונג אין דער יידישער וועלט. צום באדויערן האט ברענער געהאט א טראגישן טויט ווען ער איז אוועק קיין פּאלעסטינע און זיך דארט באמיט צו שאפן א פריינטשאפט צווישן אראבער און יידן. נישט געקוקט אויף אלע זיינע באמיאונגען אין דער הינזיכט, איז ער דאך ברוטאל דערמארדעט געווארן בשעת די פאגראמען אין די צוואנציקער יארן פון איצטיקן יארהונדערט.

בנוגע מיר אליין, איז דאס יאר 1907 א זער וויכטיקע דאטע אין מיין אייגן לעבן, ווייל אין אט דעם יאר האב איך געזעען דאס ליכט פון טאג צום ערשטן מאל; איך בין דעמאלט געבוירן געווארן.

און אזוי קומען מיר צום יאר 1911, מיט אן אינצידענט, וואס האט דעם כאראקטער פון א דעטעקטיוון־געשיכטע. אין אט יענעם יאר זענען צוויי גאנץ אומבאקאנטע פארשוינען דערשינען פאר נאראדיצקין מיט א מאנוסקריפּט און זיך נאכגעפרעגט וויפל עס וועט קאסטן אים אפּצודרוקן. ער האט זיך אפגעזאגט די זאך צו דרוקן, באהויפּטנדיק, אז ער דרוקט בלויז העברעאישע, יידישע און ענגלישע זאכן און נישט אויף קיין אנדער לשון.

די פרעמדע האבן נישט געוואלט אפּטרעטן און האבן דערקלערט, אז הגם דער מאנוסקריפּט איז אויף איטאליעניש, איז ער אבער מאשין־געשריבן און וועט דעריבער נישט זיין שווער אויסצוזעצן. איבערהויפּט זענען זיי גרייט צו באצאלן טאפּלט דעם פּרייז, וואס דאס דרוקן וואלט געקאסט. אין יענע הונגעריקע און שווערע יארן איז עס טאקע געווען א שווערער ניסיון אפּצוזאגן אזא באשטעלונג. נאראדיצקי האט אנגענומען און אפּגעדרוקט זייער איטאליענישע בראשור.

אייניקע וואכן שפּעטער איז געקומען צו גיין א וויכטיק אויסזעענדיקער מענטש אויף מייל־ענד ראוד, 48, און האט קאנפראנטירט נאראדיצקין מיט אן עקזעמפּליאר פון אט דער איטאליענישער בראשור, פרעגנדיק צי ער האט דאס געדרוקט. נאך א לאנג ווייגערן זיך האט נאראדיצקי מודה געווען, אז עס



איז זיין ארבעט. ער האט געוואלט וויסן וואס איז נישט אין ארדנונג. יענער האט זיך אפּגעזאגט אים צו געבן אן ענטפער, נאר פארלאנגט, אז נאראדיצקי זאל תיכף־ומיד אים באגלייטן צום סקאטלאנד־יארד און מיטנעמען דעם זאץ, וואס איז נאך נישט געווען צעווארפן.

אין דרויסן האט שוין געווארט א קעטשל, וואס האט אוועקגעפירט נאראדיצקין צוזאמען מיטן זאץ פון אט דער בראשור צום סקאטלאנד־יארד. דארטן האט מען אריינגעלייגט דעם זאץ אין דרוק־מאשינען, און עס האט זיך אויפן ארט באשטעטיקט, אז די עקזעמפּליארן זענען אידענטיש.

נאך אלץ האט נאראדיצקין נישט געהאט קיין שום אהנונג אין וואס דא גייט, הגם ער האט זיך געריכט אויפן ערגסטן. נאך א פארהער, וואס האט געדויערט שעהן לאנג מצד דער פּאליציי, האט מען אים סוף־כל־סוף געגעבן צו פארשטיין, אז די דאזיקע בראשור האט אנטהאלטן, נישט מער און נישט ווייניקער, אינסטרוקציעס און דירעקטיוון פאר איטאליענישע אנארכיסטן וויאזוי צו פּראדוצירן אין דער היים אויפרייס־שטאפן און באמבעס און וויאזוי צו באנוצן אט די דאזיקע אויפרייס־מיטלען אין אטענטאטן אויף דער איטאליענישער קעניגלעכער פאמיליע.

זאגן, אז נאראדיצקי איז געבליבן אן לשון איז זיך בלויז מילד אויסצודריקן. די פּאליציי, נאטירלעך, האט באלד איינגעזעען, אז הגם ער איז געווען דער אייגנטלעכער דרוקער פון יענער בראשור, האט ער אבער בכלל נישט געוואוסט וואס עס שטייט געשריבן אין דעם דאזיקן שוידערלעכן פאמפלעט.

קורץ דערנאך האט מען ארעסטירטביידע מחברים, און נאראדיצקין איז אויסגעקומען צו דערשיינען אין געריכט אלס עדות מצד דער באשולדיקונג. ווען מען האט אים אויפגערופן עדות צו זאגן, האט ער זיך אנגעטון דעם הוט און גענומען א תנ״ך אין דער האנט, כדי אפּצוגעבן די שבועה. ער האט אבער באלד באמערקט, אז עס איז א תנ״ך אויף ענגליש. ער האט זיך דעריבער געווענדט צום ריכטער בזה הלשון: „מיין הערר, הגם דאס איז דער תנ״ך איז ער אבער אויף ענגליש, און איך וויל ליבער אפּגעבן מיין שבועה אויף א העברעאישן תנ״ך“. דער שופט איז, פארשטייט זיך, געווען דערשטוינט, מחמת נאך קיינמאל נישט אין דער געשיכטע פון יענעם געריכט האט עמיצער אויסגעדריקט אזא מין בקשה. איך גלויב, אז פון דעמאלט אן האט נאך קיינער נישט איבערגעחזרט אט די בקשה. זיין הערשאפט האט תיכף באפוילן מען זאל ברענגען א העברעאישן תנ״ך פאר נאראדיצקין, כדי ער זאל קענען אפּגעבן די שבועה אין הסכם מיט זיינע איבערצייגונגען און גלויבן. היות קיין העברעאישער תנ״ך האט זיך נישט געפונען אין געריכט, האט דער ריכטער אפּגעלייגט די פארהאנדלונג צו דערמעגלעכן די געריכטס־באאמטע צו באקומען א העברעאישן תנ״ך פון דעם שכנותדיקן בוכהאנדלונג געסל — פּאטערנאסטער ראו.

בשעת דער פּויזע האט דער ריכטער פארפירט א שמעס מיט נאראדיצקין. „זאגט מיר, ביטע“, האט דער ריכטער זיך געוואנדן, „וואס אייגנטלעך זענען אייערע פּאליטישע אנשויאונגען?“ „איך בין א ציוניסט!“ — האט נאראדיצקי

שטאלץ דערקלערט. „א ציוניסט? און וואס, זאגט מיר, איז א ציוניסט?“

דערפון האט זיך אנטוויקלט א וויכוח מיטן ריכטער בנוגע די האפנונגען און אידעאלן פון יידן זיך אומצוקערן קיין ארץ־ישראל, כדי צו זיין א פאלק מיט פעלקער גלייך; אויפצולעבן די העברעאישע שפראך און צו פארווירקלעכן אסך אנדערע אספיראציעס.

וואו דען, אויב נישט אין ענגלאנד, האט אזא וויכוח געקאנט פארקומען צווישן א ריכטער און א ייד? ווער אחוץ נאראדיצקי האט אין יענע יארן געקאנט אזוי מוטיק רעדן צו א ריכטער אין אן ענגליש געריכט?

ביסלעכוויז, אומבאמערקט האט זיך דאס געשעפט אנטוויקלט און די רעפוטאציע דערפון האט זיך ברייט פארשפרייט.

דאן איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה — 1914־18. — ביי מייל־ענד ראוד, 48, א קליינינקע שטרעקע פון דער הויפט־גאס, האט מען געשאפן א סקווער מיט גרין גראז — באמאונט־סקווער. פאר מיר איז עס געווען אן אאזיס, א גן־עדן, א צירונג אין דער מיט פון דער דחקות, שמוציקייט און ארימקייט פונם געטא. אגב, אלע העברעאישע אקטיוויטעטן האבן זיך קאנצענטרירט אין איין הויז ביי אט דעם סקוועך. עס איז געווען דאס הויז פון פרוי דאניאך און איר פאמיליע. אלס קינד איז עס געווען מיין זכיה אריינצוקומען אין דעם דאזיקן הויז און זיך צוצוהערן צו די באצויבערנדיקע שמועסן און רעדעס. בולט אין זכרון לעבט ביי מיר א געוויסער אינצידענט.

די דאניאכס און די נאראדיצקיס האבן געפראוועט א געמיינזאמען סדר. אלץ איז אנגעגאנגען כשורה, ווען פלוצלונג האט זיך דערהערט א פייפן אויף דער גאס און א רופן: „באהאלט אייך! באהאלט אייך!“ עס איז געווען א ווארנונג, אז עס קומט פאר א לופט־אנגריף. די פרויען האבן זיך נאטירלעך גאנץ באאומרואיקט, די קינדער האבן נישט געוואוסט וואס צו טון. האט נאראדיצקי זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: „קודם כל, לאמיר פארענדיקן דעם סדר ווי עס געהער צו זיין, און דערנאך וועלן מיר זעען וואו מיר קענען זיך באהאלטן“. אזעלכע זענען געווען די מענטשן פון יענעם דור: דאס זאלץ פון דער ערד!

כלערליי נאכפראגן זענען אריינגעקומען אין דער דרוקעריי סאי אזעלכע וואס זענען געווען אין הסכם מיטן געזעץ סאי אזעלכע, וואס זענען געווען קעגן געזעץ. ער האט אפילו געהאט א נאכפראגע צי ער וואלט געווען גרייט מיטצוארבעטן אין פעלשן שפייז־קארטן, פאסטמארקן און באנקנאטן. זעלבסטפארשטענדלעך, אז ער האט אן ווייטערעס אויפן ארט אפגעווארפן אלע אזעלכע אנבאטן.

גראד אין יענער צייט איז וולאדימיר זשאבאטינסקי געקומען צו פארן קיין ענגלאנד, כדי צו פאפולאריזירן זיין געדאנק צו שאפן א יידישן באטאליאן. ער האט זיך אנגעטראפן אויף א גרויסער אפאזיציע מצד יידישע אנארכיסטן, בונדיסטן און סאציאל־דעמאקראטן. עס איז שיער נישט געקומען צו אויסברוכן. זשאבאטינסקי אבער האט זיך נישט געלאזט אפשרעקן, נאר האט



אנגעפירט זיין אקציע און צו דעם צוועק איז נאראדיצקי אים געקומען צו הילף מיט ארויסברענגען א טעגלעכע צייטונג אויף יידיש. ווער עס האט א השגה אין דרוק־וועזן וועט גוט פארשטיין אויף וואס פאר א שוועריקייטן מען האט זיך אנגעטראפן אין ארויסגעבן א טעגלעכע צייטונג, מוזנדיק אויסזעצן אלץ מיט דער האנט, אן דער הילף פון א זאץ־מאשין. אכט עקסטרא זעצערס האט מען צוגענומען צו דער ארבעט, כדי „די טריבונע“ זאל קענען דערשיינען.

איך געדענק ווי יארן שפעטער בעת א באנקעט לכבוד וולאדימיר זשאבאטינסקי, וועלכער איז געשטאנען „מחוץ למחנה“ דעמאלט און געווען אין א ביטערער אפאזיציע צו חיים ווייצמאן, האט א גאסט זיך אויפגעשטעלט און פארשלאגנדיק א טאאסט בשום אופן נישט געוואלט זאגן דעם טראדיציאנעלן „לחיים“, נאר „לוולאדימיר“!...

עס איז אויך געווען בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אז א יונגער סאלדאט, א מאגערע פערזאן וואס האט גארנישט אויסגעזעען ווי א זעלנער, האט זיך געוואנדן צו נאראדיצקין ארויסצוגעבן זיין ערשטע סעריע לידער אויף ענגליש. דאס איז געווען איזאק ראזנבערג, דער דיכטער און מאלער, וועלכער איז אומגעקומען אויפן שלאכטפעלד אין 1918, אומבאקאנט, אומבאזונגען און אומאנערקענט. מען האט דערנאך איינגעזעען, אז זיינע פאעמעס זענען אזוי גרויס ווי די פאעמעס פון א בארימטן דיכטער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — רופערט ברוק.

עס איז אויך געווען א צייט פון אנגעשטרענגטער ציוניסטישער און קרן־היסוד טעטיקייט איידער די באלפור־דעקלאראציע איז ארויסגעגעבן געווארן. גיך זענען די יארן פארביי, און איך גלויב עס איז געווען אין 1924, ווען א מאסן־פארזאמלונג איז פארגעקומען אין דער גרעיט־אסעמבלי האל. געפאקט איז געווען דער גרויסער זאאל יענעם אוונט, ווען דער גאסט, חיים נחמן ביאליק, אונטער דער באגלייטונג פון חיים ווייצמאן און אנדערע פירער פון דער באוועגונג, איז ארויף אויף דער טריבונע. די אוואציע האט גארנישט געוואלט אויפהערן בעת ביאליק איז אזוי געשטאנען און געקוקט אויפן עולם. פלוצלונג האבן זיינע אויגן באמערקט אין דער זעקסטער ריי זיצן זיין יוגנט־חבר, נאראדיצקי, וועמען ער האט שוין נישט געזעען פינף און דרייסיק יאר. גלייך האבן זיי זיך דערקענט. ביאליק איז אראפ פון דער טריבונע, צוגעגאנגען צו זיין יוגנט חבר און זיי האבן זיך צעקושט. ווייצמאן האט דעמאלט באמערקט צו נאראדיצקין: „דו האסט געכאפט דעם בעסטן חלק!“

אגב, האב איך געדארפט דערמאנען, אז די נעמען, וואס נאראדיצקי האט געגעבן זיינע קינדער, זענען געווען אין פולן הסכם מיט זיין פערזאן. עס וועט דעריבער נישט קלינגען מאדנע צו דערמאנען זייערע נעמען: שושנה, שולמית, זרובבל, כרמל און בר־כוכבא. יארן שפעטער, ווען שושנה האט חתונה געהאט מיט צבי כהן אין ישראל, איז חיים נחמן ביאליק געווען איינער פון די אונטערפירערס.

אין משך פון אט די אלע יארן זענען אין דער דרוקעריי דערשינען

א נייע וואכנשריפט אויף ענגליש. דאס איז געווען „דזשואיש יוטה" — א וועכנטלעכער זשורנאל פאר דער יידישער יוגנט אין ענגלאנד, פאר וועמען ביז דעמאלט מען האט גארנישט ארויסגעגעבן. דער פועל־יוצא איז געווען וואס אנשטאט צו לייענען גויאישע זשורנאלן, ווי „יוניאן דזשעק", „סעקסטאן בלעיק", „דהי מעגנעט" און אנדערע, האט די יוגנט איצט געהאט אן אייגענעם ארגאן, וואס האט תיכף ומיד געהאט א דערפאלג. אין א קורצער צייט ארום האט די וואכנשריפט זיך שוין פארקויפט אין 10,000 עקזעמפליארן יעדע וואך. צום באדויערן, אין אומשטענדן איבער נאראדיצקיס כוחות, האט דער זשורנאל זיך געמוזט אפשטעלן. סך־הכל זענען דערשינען דרייצן נומערן.

מיט דעם גענעראל־שטרייק הינטער אונז, און די הונגער־מארשן אויך שוין פארגעסן, האט אנגעהויבן דערשיינען א נייער זשורנאל אויף עברית — „העולם". דאס איז געווען דער אפיציעלער ארגאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און אין משך פון זיין לאנג־יאריקער עקזיסטענץ געהאט א ריי גרויסע רעדאקטארן, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען נחום סאקאלאוו, שלמה גאלדענבערג און משה קליינמאן. נאראדיצקי האט אויך געהאט די פאראנטווארטלעכקייט פארן דרוקן דעם „עתון הקונגרס" סאי אין פראג סאי אן לוצערן.

ביסלעכווייז זענען די יארן געגאנגען זייער גאנג, און מיר האבן זיך אנגעטראפן מיט דער סכנה פון מאזלי און זיינע כוליגאנעס־פאשיסטן. פריש איז אונז נאך אין זכרון ווי מאזלי האט זיך פארמאסטן צו מארשירן מיט זיינע „שווארצע העמדלעך" איבער די גאסן פון ווייטשעפל. ווי געקרעפטיקט האבן מיר זיך דעמאלט געפילט צו זעען גויאישע אייזנבאן־ארבעטער, פארט־ארבעטער און אנדערע פראָלעטאַריער שטיין אקסל צו אקסל צוזאמען מיט סתם יידישע ארבעטער, רעפרעזענטירנדיק אזוי ארום א וואנט נישט אדורכצוברע־כען, אזוי, אז די „שווארצע העמדלעך" האבן בשום אופן נישט געקענט אריינ־דרינגען קיין ווייטשעפל! צוויי וואכן שפעטער האט מאזלי ווידער באקאנט געמאכט א נייעם מארש — איבער קענטיש־טאון קיין טראפאלגאר־סקווער. פערזענלעך, האב איך עס געהאלטן פאר מיין הייליקן חוב דאס מאל צו העלפן די גוים נישט צוצולאזן צו אט דעם נייעם מארש, פונקט ווי זיי האבן אונז געהאלפן אין ווייטשעפל.

מען האט מיך ארעסטירט, און ווען די פאליציי האט פארלאנגט מיין נאמען און אדרעס, האב איך, נאטירלעך, אנגעגעבן בר־כוכבא נאראד. דער סערזשאנט־פאליציסט, א גויאישער קאפ, האט זיך נישט געקענט פארשטעלן, אז בר־כוכבא איז מיין נאמען און נאראד מיין פאמיליען־נאמען. דער פועל־יוצא איז געווען, אז אויף דער באשולדיקונג האב איך פיגורירט ווי נ. בר־כוכבא... דעם נעכסטן טאג, אין פאליציי־געריכט, האב איך אוועקגעלייגט א פייערדיקע רעדע, פארטיידיקנדיק מיין טאט. אבער עס האט גארנישט געהאלפן. מען האט מיך באשטראפט אויף פערציק שילינג אדער צוויי וואכן אין „חד גדיא". וועלנדיק זיין דיסקרעט, כדי נישט צו ברענגען קיין חרפות אויף מיין



פאמיליע, האב איך באצאלט די שטראף. נאר ווען איך בין צוריק־געקומען אין דער דרוקעריי אריין, האט מיין פאטער מיך געפרעגט וואס האט פאסירט. איך האב אים דערציילט, אז מען האט ארויפגעלייגט אויף מיר א שטראף פון פערציק שילינג. און איז דען נישט געווען קיין אלטערנאטיווע שטראף? — האט מיין פאטער געוואלט וויסן. יא, האב איך געענטפערט, איך האב געקאנט גיין זיצן אויף פערצן טאג. ער האט מיט בייזער אויף מיר א קוק געטון, זאגנדיק אין כעס, אז געטריי זייענדיק צו מיינע פרינציפן, האבן איך געדארפט גיין אין תפיסה אריין און נישט באצאלן די שטראף!

ווידער גייען זיך די יארן זייער פאמעלעכדיקן גאנג, און מיר קומען צו אן עפאכע, וועלכע איך וועל היינט נישט באהאנדלען. עס איז א וויכטיקע עפאכע, עס איז די שטענצל־עפאכע.

מען קען נישט אפפטרן מיט אייניקע צופעליקע באמערקונגען נישט קיין קאפיטל און אפילו נישט קיין גאנץ בוך וואלט גענוגט. צו שטענצלען דארף מען האבן א מער קאמפעטענטן, פליסיקערן רעדנער, ווי איך בין. איך וועל דעריבער נישט אונטערנעמען קיין אפשאצונג פון אט דער העכסט וויכטיקער עפאכע.

נאַראַדיצקי איז געווען גליקלעך מיטן גרינדן פון אַ דרוקעריי אין תל־אביב, דפוס־יהלום, פון זיין איידעם, צבי כהן.

זיין אייניקל, רות, וועמען ער האט ממש פארגעטערט איז פארהייראט מיט מיכאל בן יוסף לידור, אויך א בארימטער דרוקער און פארוואלטער פון דער „דזשערוזאלעם פאסט".

עס קומט אויף מיין רעיון אַ גאַנצע גאַלעריע פון העברעאישע און יידישע שרייבער, ווי שמאי פינסקי, אשר ביילין, משה עובד, דר. שמעון ראַווידאָוויטש און **מרגלית מיט דער „מצודה"**. און צענדליקער אַנדערע; און פאַרשידענע עפיסאָדן פון מאָריס מייער, רודאָלף ראָקער, סאָבאָטשעווסקי ע.ה. פון לעאָ קעניג, מאַנגער, קייזער א.א.

נישט פארגעסן זאל ווערן יענער היסטארישער מאמענט, ווען אין יאר 1946 עס איז געקומען די ערשטע יידישע דעלעגאציע פון נאך מלחמהדיקן פוילן קיין לאנדאן. אלץ איז דארט חרוב געווען, און איבערהויפט האט אויסגעפעלט יידישער זאץ, כדי ארויסצוגעבן פאר די דארט לעבנגעבליבענע יידן צייטונגען און ביכער. אזוי ווי צו באקומען יידישן זאץ איז דעמאלט געווען זער שווער אפילו אין מלכות ענגלאנד, האבן מיר — דורך שטענצלס פאַרמיטלונג און באַ־מיאונג! — אוועקגעשיקט דעם יידישן זאץ פון אונזער אייגענער דרוקעריי פאר די יידן אין פוילן, אזוי, אז דריי טעג האבן מיר אליין נישט געקענט נוצן אונזער אייגענע מאשין.

דאס היינטיקע יאר האט אויך א וויכטיקע מיסיע צו פארצייכענען, ווייל צוזאמען מיט אנדערע דרוקער האבן מיר אוועקגעשיקט מאשינען אין ווערט פון £10,000 כדי אויסצושטאטן א טעכנישע הויך־שול פאר אַ דרוקעריי אין מדינת ישראל.

יהודה ביעטש

## צו די שלושים נאך יעקב סערעס, ע״ה

צו נאענט זענען די טעג נאך דער פטירה פון י. סערעס, אז מען זאל קענען געבן א געהעריקע אפשאצונג פון זיין ביישטייער אויפן געביט פון געזעלשאפט־לעך־קולטור לעבן אינם יידישן לאנדאן. און ס׳איז באמת שווער שלוס צו מאכן מיטן געדאנק נישט מער צו האבן צווישן אונז אט דעם עסקן און ליבנסווירדיקן מענטש! מיט זיין טויט האבן מיר פארלוירן איינעם פון די שיינע געשטאלטן, וועלכע האבן אויף זיך געטראגן אנגעוויייטיקטע פראבלעמען פון יידישן פאלק.

באשיידן און גוטמוטיק, האט י. סערעס פארנומען א גאנץ באזונדער ארט אין היגן יידישן יישוב. ער האט פארקערפערט אין זיך דעם געהויבענעם אידעאל פון פרייהייט און גערעכטיקייט. די אבדה וועט זיך פילן א לאנגע צייט.

מען זאגט, אז וואס די ערד נעמט צו, דאס ווערט פארגעסן. אט דאס איז בלויז טיילווייז אמת. א מענטש ווי יעקב סערעס, וועלכער האט זיך קונה שם געווען מיט זיין ווארים יידיש הארץ לגבי הילפס־ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, קען נישט פארגעסן ווערן. מוז מען דאך דערמאנען, אז י. סערעס איז געווען איינער פון די גרינדער פונם יידישן שפיטאל און אויך פראמינענט אין דער „שעלטער״־אינסטיטוציע אין דער צייט פון די גרויסע יידישע אויס־וואנדערונגען, בייטראגנדיק פיל דורך אומדערמידלעכער ארבעט צום לינדערן די נויט פון יידישן נע־ונדניק.

אונטערגעשטראכן מוז אויך ווערן דער פאקט, אז י. סערעס איז לאנגע יארן געווען א מיטגליד פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט — ייוו״א; און לעצטנס בלב ונפש זיך ארייגעווארפן אין דער ארבעט אויסצובריייטערן די אקטיוויטעטן פון אט דער וויכטיקער אינסטיטוציע. א־חוץ די פילע קולטור־ארגאניזאציעס און הילפס־אינסטיטוציעס, וועלכע ער האט געשטיצט מיט אן אפענער האנט, האט ער מייסטנס זיך געווידמעט דעם בן־אורי קונסט־פאריין, העלפנדיק שאפן עם כל אמצי־כח די קונסט־גאלעריע. גרויס זענען י. סערעסעס פארדינסטן פארן בן־אורי פאריין, וועלכן ער האט מיט עקשנות געשטיצט אין א משך פון קנאפע פערציק יאר.

געווען א צייט, ווען די סאמע אוצרות פון אט דער יידישער קונסט־גאלעריע זענען געשטאנען אין סכנה — עס האט געדראט, אז דער בן־אורי זאל אויפהערן צו פונקציאנירן — דעמאלט איבערנעמענדיק דעם אמט פון „טרעזשורער״ האט יעקב סערעס ארייגעגעבן א נייעם רוח־החיים אט דעם קונסט־פאריין. זיין שנעלע האנדלונג און איבערגעגעבנקייט פארדינט פאר זיך א שטיק פון דער בן־אורי מזרח־וואנט. געווען אויך אַ צייט פּאַראינטע־רעסירט אין „פריינט פון יידיש לשון״.

דאס איז אונזער זכיה צו האבן געהאט איינעם, פאר וועמען דאס שיינע, דאס גוטע און דאס מענטשלעכע איז געווען אלץ — דער עיקר!... אן ספק האט ער געשטרעבט פאר א בעסער און שענער יידיש קולטור־לעבן.



ווי אן ענטפער אויף דער קריטיק מצד אייניקע יידישע שרייבער און קולטור־טוער פארוואס דער בן־אורי „איז פארקראכן אין די הויכע פענסטער״ און פארלאזט אונזער עלנט ווייטשעפל, שרייבט יעקב סערעס אין „די צייט״, אז מיטן אריבערקלייבן זיך אין יידישן קאמונאלן צענטער אין דער וועסט־ענד ווערט געמאכט א פרישער פארזוך אויסצופירן די גרויסע, וויכטיקע אויפגאבן, וועלכע דער בן־אורי האט זיך געשטעלט.

עס איז קלאר, אז דאס פארלאזן ווייטשעפל איז נישט געווען קיין וואונטש מצד דעם בן־אורי פאריין זיך צו רייסן „אין די הויכע פענסטער אריין״, נאר פשוט מחמת ווייטשעפל אליין האט אט דעם קונסט־פאריין פארנאכלעסיקט.

א מענטשנס לעבן און אויפטוען, אזוי איז אנגענומען, שאצט מען אפ ערשט ווען זיין לעבן הערט אויף; דעמאלט מאכט מען דעם סך־הכל און מען ציט אונטער דעם בילאנס. אבער איך האלט, אז אויב דער מענטש פארדינט שבחים צוליב זיינע גוטע מידות און מעשים טובים, זאל מען אים די שבחים זאגן ביים לעבן! נאר די וועלט פירט זיך שוין אזוי, א פשיטא שוין ביי אונז יידן, וואס האלטן זער שטארק פון „אחרי מות קדושים אמור״ און מען לאזט איבער אלע שבחים ווען דער מענטש איז שוין אויפן עולם־האמת. נו, אפשר דארף אזוי זיין... ווער ווייסט?

הגם סערעסעס תמיד שמייכלדיק פנים און גוטער הומאר האט געמאכט דעם איינדרוק, אז מען האט צו טון מיט א זאכלעך־רואיקן מענטשן, איז אבער אין אט דער רואיקייט געלעגן אן אומרו — א בענקשאפט נאך א לעבן פון סאציאלן־יושר!

דער אלמנה סערעס, זיין ברודער און דער גאנצער משפחה דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל. זאלן זיי געפינען טרייסט אין דעם, וואס דער פארשטארבענער האט געלעבט א געזעלשאפטלעך אקטיוו לעבן און אין דעם שם־טוב, וואס ער האט נאך זיך איבערגעלאזט. זאגט דאך דער תנא אין פרקי־אבות: „וכתר שם־טוב עולה על גביהן״ — די קרוין פון א גוטן נאמען שטייגט אלץ איבער!

זאל די משפחה טאקע זיין געטרייסט אין אט דעם גוטן נאמען!
כבוד זיין אנדענק! תנצב״ה.

## דער אריער-העלד N.1.

ער האָט זיך געיידישט די גויאישע נאָז,
באַשניטן די ערלה, פון זיין ערוה־מויל,
אָבער דער קין־צייכן פון זיין שטערן
קוקט חוצפהדיק אַראָפ מיט זיין גאַנצן גרויל.

ער האָט זיך די ברעמען אַזוי צוגעשניצט,
די שפיץ־נאָז אויסזען זאָל אויסגעצויגן גרויס,
אָבער פון זיינע טויטאָנישע אויגן
קוקט אים דער „טויטן־קאָפ״־רוצח אַרויס.

ס׳מאַרדעט מיליאָנען, ווייל אַליין ס׳וויל לעבן,
גיפטיק ווי אַ שלאַנג און קריכט ווי זי, אויף בויך;
אַ טכויער צווישן אַ קוואַקע מיט הינדלעך,
שטינקט־אונטער, ווען ס׳דערשמעקט אַ שטאַרקערן כוח —

אַז אָך און אַז וויי, אַז מיט אַזאַ מין נפש —
איידעלער פון אים קרעציקסטער הונט אין גאַס! —
אונזער מענטשלעכע נקמה צו שטילן,
ער וועקט דאָך מאוסן עקל צו זיך — נישט האַס!

אַזאַ געיידלטער אַריער־פּאַראַגראַף, —
אַ שלעכטע קאַריקאַטור אויף אַ פּלאַקאַט!
ר׳וועט הענגען, באַראָן, פאָן אזוי און אזוי,
בלויז אונטערצושרייבן שטרייכערס אַ ציטאַט.

דער אַריער העלד. N.i מישטיינסגעזאָגט,
די טויזנטער אָבער ווו זיינען זיי בלויז?
פאַרשטעקט אין די לעכער ווי די ראַצן,
קוקן זיי, כיטרעדיקע מייזלעך אַרויס.

פּ.ס.
ר׳וועט הענגען? בלויז ווער פון אונז וועט ציען אַ שטריק?
צום גליק, האָט מען דאָרט איצט אַ חשובן גאַסט,
פון־הערן־און הענקער פאָלק, דער „גוטער דייטש״,
נו, וועט מען אים מכבד זיין, ווי עס פּאַסט...

און זאָל ער עס מאַכן בקיצור און שנעל!
ראשית, די נבילה פאַרשטינקט דאָרט איצט דאָס לאַנד,
שנית, ער קאָן נאָך דערציילן אַ מין סוד,
דער גרויסער גאַסט זיך אַזש אויפהענגען פון שאַנד.

*ש.*

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזייגער)

שבת, דעם 27׳סטן מאי — לכבוד שבועות און 200׳סטער יאָרצייט פון בעל־שם — רעדנער יעקב ריכטיגער. לייענער י. ביעטש, אייזיק גאָלדבערג און נעט רובין.

שבת, דעם 4׳טן יוני — צו די שלושים פון מאָריס שוואַרץ. מיט דער באַטייליקונג פון שרייבער און אַקטיאָרן.

שבת, דעם 11׳טן — אליהו פּאַלושאַק: זיינע איינדריקן פון זיין ישראל־נסיעה.

שבת, דעם 8׳טן — וועט רעדן סעם לעוו: נאַטור־מאָטיוון אין דער יידישער פּאָעזיע.

שבת, דעם 15׳טן אַ פאָרטראַג פון שלמה אויערבאַך.

שבת, דעם 22׳סטן — כאָרלעזינגען פון טשעכאָווס דערציילונגען.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

וואַרשעווער־געטא הזכרות זיינען אפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַדלער־האָל אָרגאַניזירט פון פריינט פון יידיש־לשון רידינג רום ייו״א און בונד. דער וועלט קאָנגרעס, עקס־סערוויס א.א. — אין פרינצעס טעאַטער. נאָך הזכרות האָבן אָרגאַניזירט דער אַרבעטער, און אויך די וויצא אין דער איסט־ענד.

• • •

יום עצמאות־פייערונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון דער אַגענץ און ציוניסטישע פאַרטייען, פון „שולקאַנצל״, וויצ״א, און ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.

• • •

אבא קאָוונער האָט געוויילט דאָ אין לאָנדאָן ווי דער גאַסט פון יידישן שרייבער פעראיין אין יידישן וועלט־קאָנגרעס. דער חשובער גאַסט האָט געהאַלטן אַן אויספירלעכן וויכטיקן רעפעראַט אין אַדלער־האָל, וועלכער האָט אַרויסגערופן גרויס אינטרעס. דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. מ. קייזער.

• • •

ווי אַלע יאָר האָט זיך דער בונד געטראָפן אין דער יאָר־צייט פון שמואל זיגלבוים ע.ה. אין גאָלדעס־גרין קרעמאַטאָריום, ווו עס געפינט זיך דאָס אַש פון שמואל זיגעלבוים. חבר בליץ האָט גערעבט.

• • •

ביים שבת נאָכמיטאָגס האָט סעם לעוו געהאַלטן אַ פאָרטראַג איבער דער פערזענלעכקייט פון שמואל זיגלבוים.

• • •

צו דער 100 יאָר פייערונג פון דר. הערצל האָט יוסף פרענקל געהאַלטן אַפאָרטראַג איבער דעם געשיכטלעך־נאַציאָנאַלן אויפטו פונן גרינדער פון פאָליטישן ציוניזם.

• • •

ח. נ. בענקאָוויטש פאַר זיין אָפפאָר אויף באַזוך קיין ישראל האָט געהאַלט אַ פאָרטראַג ביי די שבת נאָכמיטאָגס.

• • •

עלעק וואָטערמאַן האָט גערעדט ביי פריינט פון יידיש לשון איבער דעם צעבראכענעם שפּיצן־קאָנפרענץ, זיי פאַרטראג האָט ארויס־גערופן גרויס אינטערעס.

• • •

א. בלומען צום געזונט ווערן, אַ רפואה שלימה.

עלען ווינאָגראַד און סעם גאָלדבערג האָבן געגעבן אַ וואָרט־קאָנצערט, אין רעד־ליין־סקווער־האָל אין וועסט ענד. דער אָוונט איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

חברים־גרופּע פון גרענד פּאַלעי שפּילן אידיש טעאַטער דעם זומער־סעזאָן אין די פאַרשטעט פון לאָנדאָן און אין דער פּראָווינץ.

• • •

די אַקטריס קלאַרע מייזעלס איז פערגאַנגענעם חודש געשטאָרבן, מען האָט זי קובר געווען ביי דער זייט פון איר מאַן אביש מייזעלס ע.ה. אויך אָקאָרשט געשטאָרבן. ביי דער לוויה זיינען אָנוועזנדיק געווען די לאָנדאָנער אַקטיאָרן און איניקע שרייבער. אונזער טיפן מיטלייד צו זייער איינדיקע טאָכטער רות מייזלס.

• • •

הרב דר. צבי ראַבינאָוויטש האָט אין דער קאָמאַרשל ראָד שול געהאַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט איבערן בעל־שם־טוב. דעם פאָרזיץ האָט געפירט משה לעדערמאַן.

• • •

קאמפאזיציעס פון שולמית דון־יחיא ירושלים לידער און חד מן ידע איז געזונגן געוואָרן אויף דעם רעפּיודזשי יאר־קענצערט אין פרענדס הויז אין לאנדאן און אין מאנטשעסטער.

• • •

בית־ציון אייבראַהאַם האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין „רידינג־רום״ איבער עמי לעווי, פאָרזיץ אלגא סמך־פיליפס.

• • •

רעוו. דר. באַרנעט דזשאַף האָט אין רידינג־רום געהאַלטן אַ פאָרטראַג: „די ירושה פון דעם רמב״ם״. פאָרזיץ ב. מאַרמאָרשטיין.

• • •

אַ בילד פון יינגען יידיש מאָלער זשאָרזש ווייסבראָד איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון לעסטער־גאַלעריע, אויך דאָס פאָרטרעט וואָס ער האָט געמאָלן פון טשיף־ראַבי דר. ישראל בראָדי זאָל אויפגעהענגט ווערן אין הויפּט־זאַל פונם העברעאישן אוניווערזיטעט.

• • •

די אויסשטעלונג פון יוסף הערמאַן פערגאַנגענעם חודש, האָט אַרויסגערופן גרויס־אָנערקענונג אין דער יידישער און ענגלישער פּרעסע.

אַרנאָלד צווייג געפינט זיך אויף אַ קורצן באַזוך אין לאָנדאָן. ער וועט דאָ האַלטן אייניגע לעקציעס.

• • •

ליבע לאָזדאַן פון דרום אַפריקע האָט גע־ווילט אייניקע וואָכן אין לאָנדאָן.

• • •

חיים וואַלדמאַן האָט גערעדט ביי די שבת נאָכמיטאָגס איבער דער געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעט׳קייט אינם יידיש ישוב אין דרום אפריקא.

• • •

דער שרייבער און געזעלשאַפטלעכער טוער פון אַרגענטינע, מערקין, געפינט זיך אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן.

• • •

פערגאַנגענעם חודש האָט די ייוואָ, אין לאָנדאָן געהאַט איר אלגעמיי׳נע יערלעכע פערזאַמלונג. עס איז איינגעקליבן געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט. מיר האָפן אז די אַרבעט וועט אינטענסיווירט ווערן.

• • •

פריינט גלאַזער פון דרום־אפריקע, פון דער קולט׳ר־גרופע דאָרט, וועלכער געפ׳נט זיך אין לאָנדאָן האָט געלייגט אַ בלומען־בוקעט אויף שלום אַש׳ס קבר.

קומענדיקן חודש האָט דאָ אַן אויסשטעלונג פון זיינע סקולפטורן דער באַרימטער מאָלער מאַנע קאַץ.

• • •

לעאָ קעניג, וואס איז איצט אַ תושב א׳ן ישראל, קומט אויף אַ באַזוך קיין לאָנדאָן, מיר זאָגן אים : בואכם לשלום.

• • •

אונזער ט׳פן מיטלייד צו הרב ר׳ אברהם מושעל, דעם רב פון פוילישן עסטרייכ׳שן חס׳דים־שט׳בל אין פילגייט סטר. צו נפטר ווערן פון זיין פרוי, הרבנית רחל ע״ה.

• • •

מאָריס מ׳נדעלען, וואָס געפ׳נט זיך איצט א׳ן אַ שפ׳טאָל מחוץ לאָנדאָן, גי׳ט עס אַ סך בסער, מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.

• • •

איסראָעל קאַגאַנאָוויטש פון וואַרשע איז אויפגענומען געוואָרן ביים שבת נאָכמיטאָגס, דערציילט פון יידישן לעבן און איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן.

• • •

צו די שלושים פון מאָריס שוואַרץ אָרדנט איין „פריינט פון יידיש לשון" אַן הזכרה־אָוונט.

*

## מאריס שווארץ ע.ה.

מיר באַטייליקן זיך אינם טרויער איבערן טויט פונם גרויסן יידישן בינע־ק׳נסטלער און וועלט־באַרימטן אַקטיאָר, **מאריס שווארץ.**

חבל על דאבדין ולא משתכחין ! לשון און לעבן און פריינט פון יידיש לשון

### ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"


LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1


218

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטי־

נומער 8־7 (העפט 8־347) איין און צוואַנציקסטער יאָר יולי־אויג. 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט :


די מסורה פון חסידות איז נישט א׳בערגעריסן, די שפחה, שלום אש (צו דער דריטער יאָרצייט) מאַקמילאַנס נסיעה קיין דייטשלאַנד (צייט ליד) ........ ** 1
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער תמצ׳ת כון תורת משה) י. ריכטיגער 8
ענד פון „האָלידיי" (ליד) ........ עלי זילבערג 14
דער קלוגער בעל־עגלה (אַ קליין מעשהלע מאַר גרויסע מענטשן) מ. קאַבמאַן 14
א מעשה מיט אַ בראָמין ........ וואָלטער 15
כאָעטן און זייערע לידער (עסיי) ........ יחזקאל בראָנשטיין 18
פערד (בילד) ........ מאַנע קאַץ 19
געדאַנקען זיינע איבער מאָלעריי ........ פיקאַסאָ 19
דער אינזל פעלדז, ביים ים, די באַלאַדע פונם מעוון געזאַנג (לידער) א. נ. שטענצל 20
כבוח אַ וועלט־קאָנגרעס פון יידישע זשורנאַליסטן (אַ וואָרט אין דעם וויכוח צווישן משה רון און יוסף פרענקל) ........ ש. י. האַרענדאָרף 29
מאָריס שוואַרץ — דער בינע־קינסטלער ........ יהודה ביעטש 31
לאָנדאָנער קולטור־ידיעות
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........ 32


## פרייז 2 שילינג


אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*